STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11810

YUDISHE GESHIKHTE

M. Birnbaum

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יודישע געשיכטע

אין דערצעהלונגען און לעגענדען

פאַר שולען און זעלבסטלערנענדע. פאַר שולען און אַוונדקורסען.

אילוסטרירט.

צוזאַמענגעשטעלט

דורך

מ. בירנבוים און ד. קאבעל.

צווייטער טייל.

די שופטים ביז חורבן פון מלוכת-ישראל.

פערלאג

„שולביכער"

ווארשע

תר״פ

1920



מאפע פון
ארץ ישראל
אין דער צייט פון תנ"ך
30'
35°
36°
33°
32°
צידון
דמשק
צור
ארגב
גליל לאנד
עשתרות
לאנד שומרון
שומרון
שכם
לאנד גלעד
רבת עמון
ירושלים
בית לחם
קרית יערים
לאנד יהודה
לאנד עמון
חברון
עזה
אשקלון
מואב
לאנד אדום
נגב לאנד

I. די צײַט פון די שופטים.

(פון X—XII יאָהרהונדערט)

ווי מיר האָבען נאָך פריהער געזעהן, זענען די אלע שבטים, וואָס זענען געגאנגען אויף כנען, דורכגעדרונגען געווען מיט איין געדאנק — אײַנצונעהמען דאָסדאָזיגע לאנד. ווי העלדען האָבען אלע געקעמפט אונטער דער אָנפיהרונג פון יהושע בן נון. זיי האָבען גענומען א שטאָדט נאָך א שטאָדט און זיי פערטיילט צווישען זיך.

נאָך יהושע'ס טויט איז נישט געווען קיין פאסיגער מענש, וואָס זאָל זיך קאָנען שטעלען בראָש פון פאָלק און אײַנפיהרען די נויטיגע אָרדנונגען אין נײַעם לאנד. צווישען די שבטים האָט געהערשט נויט, הפקרות און אונאָרדנונג. אָהן א פיהרער, איז צופאַלען געוואָרען די קייט פון אַחדות צווישען די שבטים. יעדער שבט האָט געלעבט בעזונדער, וויא א קליינע מלוכה אין א מלוכה און האָט נאָר געטראכט וועגען זיך. מיט דער צייט איז אלץ, וואס משה האָט געלערנט, כמעט פערגעסען געוואָרען, און די געצענדינערשע שכנים האָבען בעקומען א השפעה אויף זיי; די יודען האָבען זיך אָנגעהויבען מתחתן־צו־זײַן מיט זיי און אזויארום איז אין דער יודישער משפחה ארײַנגעפיהרט געוואָרען די געצענדינערײַ און די ווילדע מנהגים פון די ארומיגע פעלקער.

כנען איז נאָך נישט אינגאנצען אײַנגענומען געוואָרען דורך די יודען. נאָהנט פון די יודישע גרעניצען האָבען געלעבט פעלקער, ווי די פלשתים, מואָבים, עמונים און אנדערע, וואָס האָבען געפיהלט א שטארקע שנאָה צו די נײַע זיגער. בײַ זיי איז געווען מעהר אַחדות, ווי בײַ יודען און זיי האָבען זיך גוט בעוואָפענט און אײַנגעאיבט אין דער מלחמה־קונסט; אין א בעשטימטען מאָמענט האָבען זיי אויסגענוצט די צוטיילטקייט און אָבגעזונדערקײַט פון די יודישע שבטים, און זענען אָנגעפאלען דאָ אויף איין שבט, דאָ אויף א צווייטען. בײַ דעם געשלאָגענעם שבט האָבען זיי צוגענומען דאָס האָב־און־גוטס, אלע שאָף און רינדער, פערניכטעט די תבואות און דעסגלײַכען. מאנכע פון די דאָזיגע פעלקער האָבען אַפּי־

נעהאט אייגענע רעגירונגען, און שווער איז געווען דעם בעזונדערן יודישען שבט בייצושטעהן געגען זיי.

אמת, אין די סאמע קריטישע מינוטען פלעגען זיך בעוויזען פון צייט־צו־צייט איינצעלנע העלדען, וואָס די שווערע אומשטענדען פלעגען זיי אוועקשטעלען בראָש פון דעם קריג־פיהרענדיגען שבט. אמאָל פלעגען עטליכע שבטים צוזאמען ארויסטרעטען געגען שונא און פלעגען איהם פערטרייבען פון די גרעניצען. דאָס פלעגט אָבער נאָר געשעהן דעמאָלט, ווען דער שבט האָט געהאט א שופט. דערנאָך פלעגען זיי ווידער ארונטערפאלען אונטער'ן יאָך פון די ארומיגע פעלקער.

אזוי האָבען זיך געצויגען גאנצע דרייהונדערט יאָהר. דיזאָזיגע צייט ווערט אָנגערופען די צייט פון די שופטים (ריכטער). אין די רוהיגע צייטען פלעגען דיזעלבע שופטים משפט'ן דאָס פאָלק. דיזאָזיגע צייט ווערט אויך גערופען די צייט פון די העלדען. און זי ווערט בעצייכענט אין דער ביבעל אזוי: „אין יענער צייט איז ביי יודען קיין מלך נישט געווען, יעדערער האָט געטהאָן, וואָס איהם האָט זיך געוואָלט.

אָבער נישט־געקוקט אויף דעם אלעם, האָבען די יודען זיך דאָך נישט צומישט מיט די שטארקערע פעלקער, וואָס האָבען געוואוינט נעבען זיי. אמת, די יודען האָבען אויף א קורצער צייט איבערגענומען זייער ארט לעבען, געדינט צו זייערע געטער, אָבער די לוים, די לעהרער פון פאָלק, וואָס האָבען פערבראכט אין שלה, וואו די לוחות האָבען זיך געפונען, האָבען שטענדיג געווירקט אויפ'ן פאָלק און דאָס פאָלק האָט שטענדיג אָבגעוואָרפען פון זיך די איבערגענומענע מנהגים און זיטען, וואָס זענען פרעמד געווען דעם יודישען גאָט און אמונה.

דאָס בוך שופטים און נאָך אנדערע קוועלען דערצעהלען אונז פון פופצעהן שופטים, וואָס האָבען געווירקט ביי יודען גאנצע דרייהונדערט יאָהר צייט.

פראגען: פארוואָס איז צעפאלען ביי יודען דער אחדות? — ווי האָבען געהייסען די פעלקער, וואָס פלעגען בעפאלען די יודישע שבטים? — ווער איז דעמאָלט געשטאנען בראָש פון שבט? — וואָס הייסט שופט? — וויפיל שופטים זיינען געווען? —

2. ערשטע שופטים

דער ערשטער שופֵט ביי די יִשׂרָאֵל איז געווען עָתנִיאֵל. ער האָט גע׳מִשפָּט די יודען 4 יאָהר, און אין זיין צייט האָבען די יודען זיך פערנומען מיט ערד ארבייט און געלעבט רוהיג.

אז עָתנִיאֵל איז געשטאָרבען, זענען די יודען ווידער געבליבען אָהן אנ׳אָנפיהרער. אז זיי האָבען זיך געוואָלט דערנעהנטערן צו די שכֵנִים און לעבען מיט זיי בשָׁלום, זענען זיי ארונטערגעפאלען אונטער דער מאכט פון עֶגלוֹן, דעם מֶלֶךְ פון מוֹאָב. די מוֹאָבִים צוזאמען מיט די עַמוֹנִים און עֲמָלֵקִים האָבען געוועלטיגט איבער די יודען גאנצע 18 יאָהר און די יודען האָבען זיי געצאָהלט שטייערן.

פון דעמדאזיגען יאָך האָט זיי בעפרייט אֵהוּד. ער האָט גערופען דאָס פאָלק צו קעמפען מיט די בעדריקער. די יודען זענען ארויסגעטראָטען נעגען די בעדריקער עַמוֹן און מוֹאָב, וועלכע זיי האָבען מנַצֵחַ־גע־זוען און אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם פרעמדען יאָך. נאָכדעם האָבען זיי בערֶךְ 80 יאָהר זיך פערנומען מיט רוהיגער ארבייט.

דער דריטער שופֵט האָט געהייסען שַמגַר, דער זוהן פון עֲנָת. דאָס האָט די יודען בעפרייט פון פְּלִשׁתִים־יאָך.

פראגען: ווי האָט געהייסען דער ערשטער שופֵט? — וויפיל יאָהר האָט ער גע׳מִשפָּט די יודען? — ווי האָט געהייסען דער מֶלֶך, וואָס האָט פעריאָגט די יודען נאָך עָתנִיאֵל׳ס טויט? — וועלכער שופֵט האָט בעפרייט די יודען פון די דעמאָלטיגע בעדריקער? — ווי האָט געהייסען דער דריטער שופֵט?

---

3. דבוֹרָה הַנבִיאָה.

יהוּדָה און בִּנימִין, די דאָזיגע צוויי קריגערישע שבָטִים, וואָס זענען געזעסען אין דָרום־זייט, האָבען זיך פיל־עס־איז בעוואָרענט פון די שכֵנ׳ישע אָנפאלען, אָבער נַפתָּלִי, זבולון, יִשָׂשכָר און אָשֵׁר, די פיר צָפונד׳יגע שבָטִים, האָבען געמוזט פיהרען שטענדיגע פער־

טיידיגונגס־מלחמות מיט די נאָהנטע ארומיגע פעלקער. די צפון-זייט פון כנען איז אין גאנצען נישט איינגענומען געוואָרען דורך יהושע׳ס ארמעען, און א סך כנענים זענען פערבליבען אין זייערע פערפעסטיגטע שטעדט, אין נאָהנטער שכנות מיט די יודען

דער מלך יבין פון דער מלוכה חצור איז געשטאנען בראש פון די אלע מלכים, וואָס האָבען א לענגערע צייט געדריקט די שבטים נפתלי און זבולון. זיין ארמעע־אָנפיהרער סיסרא פלעגט עפטער אָנ־פאלען אויף די שבטים, פערנעהמען זייער האָב־און־גוטס און א סך פון די בני־ישראל האָבען געמוזט פערלאָזען זייערע איינגעזעסענע ערטער און זענען אנטלאָפען אין די נחלאות פון שבט אפרים.

און יענער צייט, ווערט דערצעהלט אין תנ״ך, איז אויף איינעם פון די אפרים־בערג געזעסען א פרוי אונטער א פאלמענבוים. דבורה האָט האָט זי געהייסען און צו איהר פלעגט מען זיך קומען משפט׳ן און הערען איהרע קלוגע רייד. ווען דבורה האָט זיך דערוואוסט ווי איהרע ברידער ווערען בעדריקט און בעליידיגט דורך יבינ׳ס ארמעען, האָט זי גערופען דאָס פאָלק צו אנ׳איינהייטליכען קאמף מיט די בעדריקער.

די נביאה דבורה

דבורה האָט צוגעצויגען צום קאמף דעם העלד ברק, דעם זוהן פון אבינועם, וואָס האָט געהערט צום שבט נפתלי און באלד זיינען צוגע־שטאנען צו זיי נאָך איינינע שבטים, און עס האָט זיך צופלאקערט דער קריג. די יודען האָבען געשלאָגען דעם שונא, און סיסרא אליין האָט געמוזט אנטלויפען צופוס און איז דערנאָך גע׳הרג׳עט געוואָרען דורך א פרוי יעל. אזויארום זענען די צפונ׳דיגע שבטים בעפרייט געוואָרען פון שווע־רען יאָך. דבורה׳ס ליד אין תנ״ך שילדערט אונז מיט קלאָרע פארבען די נאַי־סטיגע שטימונג פון פאָלק נאָך דעם בעפרייאונגס־קאמף:

דערוועק דיך, דערוועק דיך, דבֹורָה!
דערוועק דיך, דערוועק דיך, זינג א ליד!
שטעה־אויף, בָּרָק, און פיהר דײַנע געפאנגענע,
דו זוהן פון אֲבִינוֹעַם.
פון הימעל האָט מען מיט זיי מִלְחָמָה געהאלטען,
די שטערען פון זײַערע שטעגען האָבען מִלְחָמָה געהאלטען
מיט סִיסְרָא׳ן.
אזוי זאָלען ווערען אלע דײַנע פײַנד, אָ, גאָט!
און זײַנע ליבהאָבער וועלען זײַן ווי די זון,
א. אז. וו.

פראגען: וועלכע שְׁבָטִים זענען געזעסען בעוואָרענט פון שוֹנֵא? — וועלכע שְׁבָטִים זענען אונטערגעדריקט געוואָרען? — ווי האָט געהייסען די פרוי, וואָס איז געזעסען אונטער׳ן פאַלמענבוים? — ווי האָט געהייסען דער העלד, וואָס האָט זיך געשטעלט בראָש אין׳ם קריג מיט סִיסְרָא׳ן?

4. גִּדְעוֹן.

נאָכ׳ן זיג האָבען יִדען געהאט רוּה 40 יאָהר צײַט. דערנאָך האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען שווערע צײַטען פאר די בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל: די וואנדערפעל־קער — עֲמָלֵקִים און מִדְיָנִים, וואָס האָבען געלעבט ארום די גרעניצען פון כְּנַעַן, האבען זיך ארײַנגעריסען אין׳ם לאנד אין דער צײַט פון שניט און האָבען פערוויסטעט די תבואות אויף די פעלדער און נישט איבערגעלאָזט אין לאנד קײַן שום נאהרונגס־מיטלען, קײַן איין שעפס, קיין ציין, אָקס און אייזעל. די יודען האָבען בעהאלטען ווייער האָב־און־גוטס אין היילען און שפאלטען פון די בערג און מען האָט געפיהרט זעהר א שווער לעבען.

אין יענער צײַט האָט געלעבט אין דער שטאָדט עָפְרָה אן ערד־ארבײַטער מיט׳ן נאָמען גִּדְעוֹן פון שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה. ער האָט נישט געקאָנט זעהן די אַכְזָרִיוּת, וואָס ווערט געטהאָן די רוהיגע פרידליכע ברידער

זײַנע און ער האָט אויך נישט געקאָנט פערשוויַיגען דאָס בלוט פון זײַן פאָלק, וואָס איז פערגאָסען געוואָרען אויף דיַ צוראבירטע פעלדער. האָט גִדעון צוגעשיקט שלוחים צו די ארומיגע שבָטִים און האָט זיי נ־רופען צו אנ׳אויפשטאַנד געגען די מִדיָנִים. פאר אקורצער צײַט הָאט ער צונויפגעזאמעלט אַ חַיִל פון טויזענטער יונגע לײַט. פון דעמדאָזיגען חַיִל האָט ער דערנאָך אויסגעקליבען דרײַהונדערט גִבּוֹרִים און האָט יעדערן פון זיי געגעבען שופרוֹת און ברענענדיגע פאקלען, איבערגעדעקט מיט ליידיגע קרוגען. ביי־נאכט זענען דידאָזיגע גִבּוֹרִים פון דריַ זײַטען צוגעגאנגען שטיל צו די מַחנות פון די רויבער־פעלקער און פלוצלונג אָבגעדעקט די פאקלען, צובראָכען די קרוגען, אָנגעהויבען בלאָזען אין די שופרות און גענומען שרײַען מיט מעכטיגע קולות: „א שווערד פאר גאָט און גִדעוֹנ׳ען!“ די מִדיָנִים זענען צוטומעלט געוואָרען און זענען צולאָפען. דעמאָלט זענען צוגעשטאַנען צו גִדעוֹנ׳ען



נאָך אנדערע שבטים און האָבען איהם געהאָלפען נאָכיאָגען און פערטרייבען די רויבער־באנדעס. גדעון מיט זיינע גבורים זענען אריבער דעם ירדן, אריינגעריסען זיך אין די גרעניצען פון די רויבער־פעלקערליך און גענומען אין געפאנגענשאפט זייערע פירשטען. נאָך דעם גרויסען נצחון, וואָס גדעון האָט אָבגעהאלטען, האָט דאָס פאָלק איהם געוואָלט מאכען פאר זיין מלך, אָבער דער ענו'דיגער גדעון האָט זיי גע־ענטפערט: „נישט איך און נישט מיין זוהן וועלען הערשען איבער אייך; גאָט איז אייער הערשער!"

פראגען: וויפיל יאָהר זענען יודען רוהיג געזעסען נאָך ברק'ס זיג? — וועלכע פעלקער זענען בעפאַלען די יודען? — ווער האָט אָנ־געפיהרט מיט'ן קריג געגען דיזאָזיגע פעלקער? — מיט וואָס האָט זיך געענדיגט דער קריג? —

---

5. אֲבִימֶלֶךְ

אלט איז שוין געוועזן גדעון, ווען ער איז געשטאָרבען, און א סך קינ־דער האָט ער איבערגעלאָזט נאָך זיך. איין זוהן (פון א שקלאפין), וואָס האָט געהייסען אבימלך, איז געוועזן זעהר מוטוויליג און האָט ליב גע־האט כבוד; ער האָט געוואָלט ווערען א הערשער איבער די יודען, וואָס זיין פאָטער האָט נישט געוואָלט און זיך אָבגעזאָגט דערפון. אבימלך האָט מורא געהאט, אז זיינע ברידער וועלען איהם שטערען אויסצופיהרען זיינע פלענער, האָט ער זיי אויסגע'הרג'עט, אָבער דער יונגסטער ברודער, יותם, האָט זיך בעהאלטען און זיך אויסגעהיט.

יותם האָט זיך דערוואוסט, אז די איינוואוינער פון דער שטאָדט שכם האָבען שוין אויפגענומען אבימלכ'ן פאר א קעניג, האָט ער זיך געשטעלט אויפ'ן בארג גריזים און גערעדט פאר'ן פאָלק וועגען דער גרויסמוטיגקייט פון זיין פאָטער גדעון מיט זיינע ברידער, וואָס האָבען זיך אזוי עהרליך און בעשיידען אָבגעזאָגט פון טראָן, און וועגען דעם

עזות און בלוטדורשטיגקײַט פון אבימלכ׳ן, וואָס האָט דערגרייכט זײַן
ציל דורך רציחה און רשעות.

„די בוימער — האָט ער געזאָגט — זענען געגאנגען זאלבען זיך אקעניג
און זיי האָבען געזאָגט צום איילבוים: „הערש איבער אונז!" האָט דער
איילבוים געענטפערט: „זאָל איך פערמײַדען מײַנע זאפטען, גאָט און מענ־
מענשען מכבד־צו־זײַן און געהן מיך וואָגלען צווישען די בוימער?"

זענען די בוימער געקומען צום פײַגענבוים: „הערש דו איבער אונז!"
האָט דער פײַגענבוים זיי געענטפערט: „זאָל איך פערמײַדען מײַנע זיסקײַ־
טען און מײַנע גוטע פרוכטען, און זאָל מיך געהן וואָגלען צווישען אײַך?"
און די בוימער האָבען געזאָגט צום ווײַנשטאָק: „זײַ דו א האר איבער אונז!" און
דער ווײַנשטאָק האָט געזאָגט: „זאָל איך פערמײַדען מײַן ווײַן, וואָס דער־
פרעהט גאָט און מענשען, און זאָל אהינגעהן און מיך וואָגלען צווישען די
בוימער?"

און דעמאָלט האָבען די בוימער זיך געווענדט צום דאָרן: „קום
דו און הערש איבער אונז!" און דער דאָרן האָט געענטפערט: „אויב
איהר ווילט מיך באמת זאלבען פאר אקעניג, טאָ קומט און בעשיצט זיך
אין מײַן שאָטען, אויב נישט—וועט ארויס א פײַער פונ׳ם דאָרן און פער־
ברענען די צעדערבוימער פון לבנון".

יותמ׳ס ווערטער זענען גיך מקוים־געוואָרען; פונ׳ם דאָרן (אבימלך)
איז טאקי ארויס א פײַער. אין דרײַ יאָהר ארום האָבען די אײַנוואוינער פון
שכם, וואָס זענען געווען אויפגעבראכט אויף אבימלכ׳ן פאר זײַן שלעכטע
און פרעכע מלוכה־פיהרונג, זיך צובונטעוועט און ארויסגעטריבען איהם
פון דער שטאָדט. דעמאָלט איז אבימלך בעפאלען מיט זײַן חיל די
שטאָדט און אויסגע׳הרג׳עט אלע אײַנוואוינער (בערך טויזענד מאן). א
טויזענד מענשען האָבען זיך בעהאלטען אין א טורם פון א צווייטער
שטאָדט תבץ, וואָס האָט זיך, צולעצט, אויפגעהויבען געגען אבימלכ׳ן.
דעמאָלט האָט אבימלך געהייסען אונטערצינדען דעם טורם, אָבער דאָ
האָט א פרוי אראָבגעוואָרפען אויף אבימלכ׳ן א שטיק מילשטיין און האָט
איהם צושמעטערט דעם קאָפּ. דער ערשטער פרוב צו ווערען פון

שופט— א מלך (ווי עס בעווייזט דאָס וואָרט אבימלך), האָט זיך נישט איינגעגעבען.

פראגען: פאַרוואָס האָט זיך גדעון אָבגעזאָגט צו זיין א מלך? — ווי האָט געהייסען זיין זוהן, וואָס האָט געוואָלט ווערען א מלך? — וועלכע שטאָדט האָט איהם אַנערקענט פאר א מלך? — ווי האָט געהייסען גדעונ׳ס זוהן, וואָס איז אַרויסגעטראָטען געגען זיין ברודער? — וואָס איז געווען אבימלכ׳ס סוף?—

---

6. יפתח.

די שבטים, וואָס זענען געזעסען אין מזרח=זייט פון ירדן, איבערהויפט אין גלעד, האָבען געהאט אָפטע צוזאַמענשטויסען מיט די שכנ׳ישע פעלקער. די עמונים, וואָס זענען אמאָל געזעסען אין גלעד, האָבען געקוקט אויף די יודען ווי אויף זיגער, און האָבען געוואָלט אוועקנעהמען צוריק זייערע נחלאות, וואָס די יודען האָבען נאָך אין משה׳ס צייטען צוגענומען ביי זיי. דעמאָלט זענען די עמונים זעהר שטארק יעוועזען. זענען זיי אריבערגעגאַנגען דעם ירדן און אָנגעפאלען אויף די שבטים פון מיטעל-כנען.

האָבען זיך פערזאַמעלט די זקנים און זיך מתיעץ=געווען און עס איז בעשלאָסען געוואָרען ארויסצוטרעטען געגען די עמונים. פאר א קריגספיהרער האָבען זיי אויסגעקליבען דעם העלדישען יפתח.

יפתח האָט געשטאַמט פון גלעד און איז געווען א שטיפזוהן אין זיין פאמיליע. זיינע שטיפברידער האָבען איהם ארויסגעטריבען פון פאָטערס הויז און איהם מעביר=נחלה געווען. דעמאָלט איז דער בעליידיגטער יפתח אוועק אין מדבר און איז דאָרט געוואָרען אַנ׳אָנפיהרער פון א באנדע גזלנים. אָבער אז די עמונים האָבען אָנגעהויבען שטארק צו דריקען די יודען, זענען די זקנים פון גלעד געקומען צו יפתח׳ן און און איהם געבעטען, ער זאָל ווערען זייער אָנפיהרער אינ׳ם קריג מיט

די עַמוֹנִים. לאנג האָט זיך יִפְתָּח געלאָזט בעטען: ער איז געווען אין כַּעַס אויף די זְקֵנִים, ווײַל זיי האָבען איהם נישט פערטיידיגט געגען זײַנע שטיפבּרידער. דאָך האָט ער זיך געלאָזט איבערבעטען און האָט זיך געשטעלט בּראָש פון קאמף.

פריהער האָט יִפְתָּח געשיקט שלוּחִים צום מֶלֶך עַמוֹן, ער זאָל ארויסציהען זײַן חַיִל פון גִלְעָד. אָבער דער מֶלֶך עַמוֹן האָט זיך אָבגעזאָגט נאָכצוגעבען יִפְתָּח'ס פאָדערונגען. דעמאָלט איז יִפְתָּח בעפאלען די עַמוֹנִים און זיי מְנַצֵחַ־געווען. זיי זענען פערטריבען געוואָרען פון גִלְעָד און האָבען שוין מעהר קײַן חֵשֶׁק נישט געהאט צו בעאונרוהיגען די יודען. דער זיגער יִפְתָּח איז מיט גרוים פּאראד ארײַנגעפאָהרען אין זײַן געבורטסשטאָדט און דאָרט איז ער דערקלערט געוואָרען פאר שוֹפֵט. זעקס יאָהר איז יִפְתָּח געווען שוֹפֵט; נאָך איהם זענען געווען שוֹפְטִים אִבְצָן, אֵילוֹן און עַבְדוֹן.

* *

*

מיט דעמדאָזיגען קריג איז פערבונדען זעהר א שרעקליכע, אָבער אויך זעהר אריהרענדיגע לעגענדע. אין תַּנַ"ךְ ווערט דערצעהלט, אז איידער יִפְתָּח איז אוועק אין קריג מיט די עַמוֹנִים, האָט ער געגעבען א נֶדֶר צו גאָט. ער האָט געזאָגט: „אויב איך וועל מיך אומקעהרן צוריק פון דער מִלְחָמָה ווי א זיגער, וועל איך דאָס ערשטע, וואָס וועט ארויס פון מײַן הויז, ברענגען צו גאָט פאר א קָרְבָּן", און ווען יִפְתָּח האָט זיך טאקע אומגעקעהרט צוריק ווי א זיגער, איז איהם די ערשטע ארויס אנטקעגען זײַן איין־אייציגע טאָכטער, זעהר א שען, יונג, פרעהליך מיידעל. זי האָט געהאלטען טאצען אין די הענד און האָט הילכיג געלאכט. אָבער יפתח איז בלאס געוואָרען און האָט צוריסען די קליידער אויף זיך און אויסגעשריען: „ווהע, מײַן טאָכטער! דו האָסט מיך בעטריבט, וואָרום איך האָב געגעבען א נֶדֶר און מוז איהם מְקַיֵם־זײַן."

האט איהם די טאָכטער געענטפערט:

„טהו מיט מיר אזוי ווי דו האָסט א נֶדֶר-געטהאָן, פערגעס גישט, פאָטער, אז דו האָסט מנַצֵחַ-געווען די עַמוֹנִים."

פראגען: פון וואנען שטאמט יִפְתָּח? — מיט וואָסער פאָלק האָט ער געפיהרט מִלְחָמָה? — וויפיל יאָהר איז ער געווען שוֹפֵט? — וועלכע שוֹפְטִים זענען געווען נאָך איהם? —

---

7. שִׁמְשוֹן הַגִּבּוֹר.

אין דָרוֹם-מַעֲרָב-זייט פון כְּנַעַן, אין די שטעדט עַזָה, אשקלון און אנדערע, וואָס זענען געלעגען נישט ווייט פון יַם, האָט זיך בעזעצט א קריגעריש פאָלק, וואָס האָט געהייסען פְּלִשְׁתִּים. דידאָזיגע פְּלִשְׁתִּים האָבען געמאכט זעהר אָפטע אָנפאַלען אויפ'ן שֵׁבֶט דָן, און דערדאָזיגער שֵׁבֶט האָט שטארק געליטען פון זיי.

פון די מִלְחָמוֹת מיט די פְּלִשְׁתִּים איז פערבליבען א לעגענדע וועגען א יודישען העלד, וואָס האָט זיך נוקם-געווען אָן די פְּלִשְׁתִּים. דאָס איז געווען דער ריז שִׁמְשוֹן פון שֵׁבֶט דָן. פון קינדווייז-אָן איז שִׁמְשוֹן געווען א „נָזִיר" (אַנ'אָבגעזונדערטער), וואָס געהערט צו גאָט: ער טאָר נישט טרינקען קיין וויין און נישט שערען די האָר, און נישט געניסען פון עולם-הַזֶה. נאָך אין די קינדער-יאָהרען האָט זיך שִׁמְשוֹן אויסגעצייכענט מיט אויסערגעוועהנליכער גְבוּרָה. איינמאָל איז ער געגאנגען אין שטאָדט, וואו ער האָט געהאט זיין ווייב, האָט איהם אויפ'ן וועג בעגעגענט א לייב, וואָס האָט איהם געוואָלט בעפאלען, אָבער שִׁמְשוֹן האָט איהם אויפ'ן אָרט צוריסען מיט די בלויזע הענד.

שִׁמְשוֹן האָט נישט געקאָנט צוזעהן די גרויזאמע מַעֲשִׂים פון די פְּלִשְׁתִּים, וואָס דער קליינער און שוואכער שֵׁבֶט דָן האָט זיך נישט געקאָנט וועהרען געגען זיי.

האָט שִׁמְשוֹן איינמאָל געכאפּט דרייהונדערט פוקסען, צוגעבונדען צו זייערע וויידלען ברענענדיגע פייערהעלצער און אוועקגעלאָזט זיי איבער די פעלדער פון די פְּלִשְׁתִּים אין דער צייט פון שניט. די

שמשון מיט די פוקסען.

תבואות פון די פעלדער זענען פערברענט געווארען, און שמשון האט זיך נאכדעם בעהאלטען אין די בערג. זענען די אויפגערעגטע פלשתים בעפאלען די שכנ׳ישע שבטים און געפאדערט, מען זאל זיי ארויסגעבען שמשונ׳ען. האבען זיך די יודען דערשראקען און געזאגט צו שמשונ׳ען: „וואס האסטו מיט אונז געטהאן? ווייסטו דען נישט, אז די פלשתים געוועלטיגען איבער אונז? אט וועלען מיר דיך בינדען און איבערגעבען אין זייערע הענד.“

און, א געבונדענעם, האט מען איהם ארויסגעפיהרט פון הייהל, וואו ער האט זיך בעהאלטען. אבער אז די פלשתים זענען געקומען איהם נעהמען, האט ער צוריסען די שטריק און איז אנטלאפען. ער האט

בּישט געהאט קײן כּלי־זין בּײַ זיך, און אז ער האָט געפונען אויפ'ן וועג א קינ־בּאק פון אנ'אייזעל, האָט ער דערמיט געטויט די פּלִשתּים, וואָס האָבּען איהם נאָכגעיאָגט.

שפּעטער האָט שׁמשׁוֹן געגעכטיגט אין דער שטאָדט עַזָה, די פּלִשתּים זענען געוואָהר געוואָרען דערפון, האָבּען זײ פערשלאָסען די טויערען פון שטאָדט און האָבּען זיך מְכִין־געווען צו נעהמען איהם פארטאָג. בּײַנאכט איז שׁמשׁוֹן אויפגעשטאנען און האָט דערזעהן, אז די טויערן זענען פערריגעלט, האָט ער זײ אויפגעריסען און איז ארויף אויפ'ן שפּיץ בּארג.

זײַנע העלדישע מַעֲשׂים האָבּען איהם גרויס געמאכט בּײַ יודען, און עטליכע שְׁבָטִים האָבּען איהם אויסגעקליבּען פאר זייער שׁוֹפֵט. אזוי איז ער געוואָרען א פאָלקס־העלד. די פּלשתּים אָבּער האָבּען געזוכט זײַן טוידט. זײ זענען געוואָר געוואָרען, אז זײַן כַּלָה, דְלִילָה, איז א טאָכטער פון א פּלִשתּי. האָבּען די פּלִשתּים זי געבּעטען, זי זאָל דערגעהן בּײַ איהם אין וואָס בּעשטעהט זײַן כֹּחַ. האָט איהם דלִילָה פּאָרזיכטיג אויסגעפרעגט וועגען דעם, און ער האָט געזאָגט: „מײַן כֹּחַ ליגט אין מײַנע האָהר. ווען מען זאָל מיר אָבּשערען די לאנגע האָהר, ווער איך שוואך ווערען ווי יעדער געוועגליכער מענש". דעמאָלט האָט דלִילָה, וואָס די פּלִשתּים האָבּען איהר פערשפּראָכען אסך זילבּערשטיק, אײַנגעשלעפערט דעם העלד און דערנאָך איהם אָבּגעשאָרען די האָהר און איבּערגעגעבּען איהם אין די הענד פון די פּלִשתּים. פערלאָרען די האָהר, האָט ער אויך פערלאָרען די כֹּחוֹת. און די פּלשתּים האָבּען איהם אויסגעשטאָכען די אויגען, געשמידט אין קייטען און אײַנגעזעצט אין תּפִיסָה, וואו ער האָט געדרעהט דעם ראָד פון א תבואָה־מיהל.

לאנג איז געזעסען דער בּלינדער העלד אין תּפִיסָה, אָבּער זײַנע האָהר האָבּען צוריק גענומען וואקסען. בּיסלעכווײַז האָט ער צוריק בּעקומען זײַנע גרויסע כֹּחוֹת, אָבּער בּלינד איז ער געווען. איינמאָל האָבּען די פּלִשתּים געפײַערט דעם יום־טוב פון זייער גאָט דָגוֹן, האָבּען זײ גערופען שׁמשׁוֹנ'ען ער זאָל שפּילען פאר זײ. האָט ער געפרעגט בּײַ א יונג, וואו שטעהען די סלופּעס, וואָס דער בִּנין שטיצט זיך אויף זײ, און אז ער האָט בּע־

קומען אנ׳ענטקעגן, האָט ער זיך אָנגעלעהנט אויף צוויי סלופּעס און שטיל געזאָגט: „גאָט, דערמאָהן דיך אָן מיר און שטארק מיך בלויז דאָס מאָל, איך זאָל זיך קאָנען נוֹקם־זיין אָן די פּלִשְתִים פאר מיינע צוויי אויגען״.

די אלטע כּחוֹת האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק.

דעמאָלט האָט ער פעסטער אָנגעלעהנט זיינע צוויי שטארקע הענד אָן די מיטעלסטע צוויי סלופּעס, וואָס אויף זיי האָט זיך געהאלטען דער בּנין, און האָט אויסגעשריען: „זאָל איך שטארבען צוזאמען מיט די פּלִשְתִּים!״ און די סלופּעס זענען איינגעפאלען צוזאמען מיט׳ן בּנין. טויזענדער פּלִשְתִּים זענען דערביי דער׳הרג׳עט געוואָרען און אויך שִמְשוֹן איז אומגעקומען צווישען זיי. דעם טויטען העלד האָבען נאָכדעם געפונען זיינע קרובים און האָבען איהם בעגראָבען אין פאמיליען־קֶבֶר אין די נַחֲלָאוֹת פון שֵבֶט דָן. אזוי האָט געענדיגט זיין לעבען דער העלדישער שוֹפֵט, וואָס האָט גאנצע צוואנציג יאָהר אליין פערטיידיגט זיינע ברידער.

פראגען: וואָסערע שטעדט זענען בעפאלען געוואָרען פון די פּלִשְתִּים? — ווי הייסט דער העלד, וואָס האָט זיך געראנגעלט מיט די פּלִשְתִּים? — וויפיל יאָהר האָט ער פערטיידיגט זיינע ברידער? — ווי אזוי איז ער אומגעקומען? —

---

8. די יודען אין די צייטען פון די שוֹפְטִים.

אין די צייטען פון די שוֹפְטִים זענען די יודען געווען צופיל בעאיינפלוסט פון די ארומיגע שְכֵנִים, און נישט־ווילענדיג האָבען זיי געמוזט איבערנעהמען די מִנְהָגִים און מִדוֹת פון די יענע פעלקער, צווישען וועלכע זיי האָבען געלעבט. אין יענער צייט האָבען זיך די יודען בעשעפטיגט מיט ערדארבייט אָדער פיהצוכט, בּיסלעכווייז זיך מְתְחַתֵּן־געווען מיט די פעלקער פון כְּנַעַן און זיך גאנץ וועניג אונטערגעשיידט פון זיי. אין שִילֹה פלעגען די יודען כּמעט ווי נישט קומען. די אחדות צווישען די שְבָטִים איז אַלץ שוואכער און שוואכער געוואָרען און עס האָט אָפט דערגרייכט צו א ברודער־מִלְחָמָה.

אין אזא ברודער־מִלְחָמָה, ווערט דערצעהלט אין בוך „שוֹפְטִים“, איז כִּמְעַט אומגעקומען דער גאנצער שֵׁבֶט בִּנְיָמִין. אין דער שטאָדט גִבְעָה, וואָס האָט זיך געפונען אין בִּנְיָמִינ׳ס געביט, האָבען שלעכטע מענשען דערהַרְגֶ׳עט אַ פרוי פון אַ לֵוִי, וואָס איז דורכגעפאָהרען בּייַנאכט און דאָרט גענעכטיגט. דעמאָלט האָבען די זְקֵנִים פון אלע שְׁבָטִים געפאָדערט, מען זאָל די רוֹצְחִים ארויסגעבען. דער שֵׁבֶט בִּנְיָמִין האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט צו דערפילען דידאָזיגע פאָדערונג, און אזוי־ארום האָט אויסגעבראָכען אַ ברודער־קריג. פון איין זייַט האָבען געקעמפט אלע יודישע שְׁבָטִים, פון דער צווייטער זייַט — דער איינציגער שֵׁבֶט בִּנְיָמִין, וואָס איז איינגאנצען אומגעקומען אין די ברודער־שלאכטען און אלע זייַנע שטעדט זענען פערברענט געוואָרען.

דעמאָלט איז אויסגערופען געוואָרען אַ חֵרֶם, אז קיינער פון די שְׁבָטִים טאָר זיך נישט מִתְחַתֵּן־זייַן מיט דעם ביסעל מענשען, וואָס איז איבערגעבליבען פון דעם שֵׁבֶט בִּנְיָמִין.

אָבער אין אַ צייַט ארום האָבען די שְׁבָטִים חֲרָטָה־געהאט דערויף, וואָס איינער פון די העלדישע שְׁבָטִים איז צוריבען געוואָרען אין די ברודער־שלאכטען. מען האָט אָבער נישט געקאָנט מעביר־זייַן דעם חֵרֶם און זיך מִתְחַתֵּן־זייַן מיט די איבערגעבליבענע פון שֵׁבֶט בִּנְיָמִין. דעמאָלט האָבען די זְקֵנִים געזאָגט צו די יונגע פון דעמדאָזיגען שֵׁבֶט: „באלד איז אַ יום־טוֹב אין שִׁילֹה. געהט אהין און בעהאלט זיך אין די ווייַנגערטנער, און אז איהר וועט זעהן ווי די מיידלעך געהן טאנצען, כאפּט ארוים פון קאראהאָד די־יעניגע, וואָס וועלען אייַך געפעלען און אנטלויפט מיט זיי אין אייַער לאנד. נאָכיאָגען וועט מען אייַך נישט“. זיי האָבען אזוי געטהאָן, און אזוי־ארום איז צוריק ענטשטאנען דער שֵׁבֶט בִּנְיָמִין, און דאָס פאָלק האָט איהם מוֹחֵל־געווען די פריהערדיגע עַוְלָה, וואָס האָט דערפיהרט צו אַ ברודער־קריג.

פראגען: ווי האָבען יודען געלעבט אין די צייטען פון די שופטים? — מיט וואָס האָבען זיי זיך בעשעפטיגט? — וואָס האָט זיי דערפיהרט צו אַ ברודער־קריג? — וואָס האָט בעדייט דער חֵרֶם? —

9. רות.

און אין דער איינענער צייט פון די שופטים האָט אויסגעבראָכען א הונגער אין לאַנד יהודה, און אַסך מענשען האָבען זיך בעזעצט אין אנדערע ערטער, אויסצומיידען דעם הונגער. געוועזן איינער מיט'ן נאָמען אֱלִימֶלֶךְ, וואָס האָט אויך אויסגעוואנדערט צוזאמען מיט זיין ווייב נָעֳמִי און זיינע צוויי זיהן מַחְלוֹן און כִּלְיוֹן. זיי האָבען זיך בעזעצט אין די פעלדער פון מוֹאָב. אֱלִימֶלֶךְ איז באלד געשטאָרבען. די צוויי זיהן האָבען חֲתוּנָה-געהאט מיט די טעכטער פון מוֹאָב און איינע האָט געהייסען עָרְפָּה, די צווייטע רוּת.

צעהן יאָהר האָבען זיי דאָרט בשָׁלוֹם געלעבט. דערנאָך זענען מַחלוֹן און כִּליוֹן געשטאָרבען. האָט נָעמִי זיך געוואָלט אומקעהרען צוריק אין איהר לאַנד, אָבער די שניהר האָבען זי נישט געוואָלט אוועקלאָזען אליין, און זיי האָבען אויך צוזאמען מיט איהר זיך אוועקגעלאָזט אין וועג. אויפ'ן וועג האָט זיי נָעמִי איינגערעדט, זיי זאָלען זיך אומקעהרען צוריק אהיים, האָט זיך עָרפָּה צוקוּשט מיט נָעמִי'ן און זיך אומגעקעהרט צו איהר מִשְׁפָּחָה, אָבער רות האָט געזאָגט: „בעט מיך נישט, איך זאָל דיך פערלאָזען, וואָרום וואוהין דו וועסט געהן, אהין וועל איך אויך געהן, און וואו דו וועסט נעכטיגען, דאָרט וועל איך אויך נעכטיגען. דיין פאָלק זאָל זיין מיין פאָלק און דיין גאָט מיין גאָט. דאָרט, וואו דו וועסט שטארבען, וועל איך אויך שטארבען, נייערט דער טויט קאָן מאכען א שיידונג צווישען מיר און דיר."

זענען ביידע אוועק אין לאַנד יהודה און געקומען קיין בֵּית-לֶחֶם. האָבען אלע געפרעגט: „איז דאָס נָעמִי?" אָבער זי האָט דערויף גע-ענטפערט: „רופט מיר נישט נָעמִי, נאָר מָרָא, ווייל דער אלמעכטיגער האָט מיך זעהר ביטער געמאכט".

אויב ביי א פרוי איז דעמאָלט געשטאָרבען דער מאן און זי האָט נישט געהאט קיין קינדער, האָט דער נאָהנטער קָרוב בעדארפט מיט איהר חֲתוּנָה-האָבען. נָעֳמִי האָט געהאט א קָרוב מיט'ן נאָמען בּוֹעַז און אין דער צייט פון שניט איז רות געגאנגען קלייבען זאנגען אין בֹּעַז'ס פעלדער. איז זי איהם זעהר געפעלען געוואָרען פאר איהר גוטסקייט און געטריישאפט צו איהר שוויגער און אויך פאר איהר בעהעפטען זיך

צו דעם יודישען פאָלק און גאָט. האָט ער געהייסען, זי זאָל קומען אלע טאָג עסען מיטאָג צוזאמען מיט זיינע שניטערינס, און די שניטערינס האָט ער אָנגעזאָגט, זיי זאָלען זיך מאכען נישט־זעהענדיג, בשעת זי קלייבט די קערנער, כדי זי זאָל האָבען וואָס מעהר צו ברענגען פאר איהר שוויגער נעמי.

רות

ווען די שניט־צייט האָט זיך געענדיגט, האָט בעז גערופען אלימלכ׳ס קרוב צו די זקנים און די טויערן פון שטאָדט, און די זקנים האָבען איהם געפרעגט, צו וויל ער חתונה־האָבען מיט רות. האָט זיך דער קרוב אָבגעזאָגט. דעמאָלט האָט בעז געזאָגט, אז ער קויפט־אויס די נחלאות פון די געשטאָרבענע מחלון און כליון און ער נעהמט זיך רות פאר א ווייב.

און רות איז געוואָרען זיין ווייב און האָט איהם געבוירען א זוהן, וועלכען ער האָט א נאָמען געגעבען עובד. נעמי האָט עס דערצויגען און געטראָגען אין איהרע אָרעמס. נאָכדעם האָט עובד געבוירען א זוהן ישי און ישי איז געוועזן דער פאָטער פון בעריהמטען יודישען מלך דוד.

פראגען: וואו האָבען זיך בעזעצט אלימלך מיט זיין פאמיליע? צוליב וואָס האָבען זיי אויסגעוואנדערט פונ׳ם לאנד יהודה? — ווי האָט געהייסען אלימלכ׳ס ווייב און זיהן? ווי האָט געהייסען די שנוהר, מיט וועלכער אלימלכ׳ס ווייב האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין יהודה? — אויף וועמעס פעלדער האָט זי געקליבען זאנגען? — מיט וועמען האָט זי חתונה־געהאט? — ווי האָט געהייסען איהר זוהן? — ווי האָט געהייסען איהר איינינקעל? ווער איז געוועזן דער זוהן פון איהר איינינקעל? —

10. עֵלִי הַכֹּהֵן.

די בעסטע מענשען פון פאָלק האָבען פערשטאַנען, אז די אֱמֶת'ע הילף פאר'ן פאָלק ליגט נישט אין אַן'איינצעלנער פערזאָן, ווי א שׁוֹפֵט, אָדער א מֶלֶךְ, אז א פאָלק קאָן נאָר דעמאָלט לעבען גוט און נאָרמאל, ווען אלע זענען צונויפגעוואַקסען, צונויפגעשמאָלצען צוזאַמען, ווען איין אידעאל, איין פערלאַנג, איין בעגעהר בעהערשט אלעמען. און אין דעם זין האָט געאַרבּייט עֵלִי הַכֹּהֵן, איינער פון די בעסטע מענשען אין יענער צייט. ער האָט געאַרבּייט זיין שטילע אַרבּייט אין שִׁילֹה גאַנצע פערציג יאָהר. ער האָט צונויפגעשמידט, צונויפגעשמאָלצען די צעוואָרפענע שְׁבָטִים און האָט אַריינגעטראָגען אין זייער בּעוואוסטזיין דעם ריינעם גלויבען אין איינציגען גאָט. ער האָט געלערנט די יודען, וואָס פלעגען קומען קיין שִׁילֹה, משֶׁה'ס תּוֹרָה, און זיין אַרבּייט האָט געהאַט גרויס ערפאָלג.

די שְׁבָטִים זענען צונויפגעוואַקסען, צונויפגעבונדען געוואָרען און האָבען זיך העלדיש, ווי איין מענש, פערטיידיגט נעגען די פְּלִשְׁתִּים, וואָס האָבען דעריבּער פערלאָרען זייער גאַנצע מאַכט.

זיינע וויכבּ בּנֵעמוּת'דיגע רייד האָבען שטענדיג געווירקט און זיינע בּעזוכער אין שִׁילֹה האָבען זיך אלעמאָל געמעהרט און געמעהרט.

די יודען האָבען אָנגעהויבּען צו פערשטעהן, אז זייער שוואַכקייט ליגט נאָר דערין, וואָס זיי זענען אָבגעזונדערט.

אָבער אַלט איז געוואָרען עֵלִי און זיינע קינדער זענען נישט געווען גלייך צו איהם און האָבען שוין נישט פאָרטגעזעצט די מַעֲשִׂים פון זייער פאָטער. די אַחְדוּת צווישען די שְׁבָטִים איז ווידער שוואַכער געוואָרען און די שטילע בעזוכער פון שִׁילֹה זענען שיטערער געוואָרען. מען האָט שוין מעהר נישט געהערט די גוטע וויכבּ רייד פון זייער גרויסען לעהרער. חָפְנִי און פִּינְחָס, עֵלִי'ס קינדער, האָבען פערטריבּען מיט זייער העסליכע מַעֲשִׂים דאָס לעצטע ביסעל שִׁילֹה-בּעזוכער, און, ווי געוועהנליך, האָבען די פְּלִשְׁתִּים אויסגענוצט די צייט און אַרויסגעטראָטען געגען די יודען. די יודען האָבען מיטגענומען אין מִלְחָמָה אַריין דעם אָרוֹן-הַקֹּדֶשׁ און האָבען זיך געשלאָגען, ווי העלדען, אָבער די פְּלִשְׁתִּים, וואָס זענען בּעזעסען מעהר מִלְחָמָה-דערפאַהרונג האָבען מְנַצֵּחַ-געווען, און גענומען גע-

פאנגען דעם אָרון־הַקוֹדֶש. חָפנִי און פִּנחָס, עֵלִי'ס זיהן, זענען אין דער מִלחָמָה אומגעקומען. צו דעם אלטען עֵלִי האָט נאָך דערגרייכט די ידיעה בשוֹרָה און ער איז געשטאָרבען אין גרויס צַעַר און אנגסט.

די פּלִשתִּים, פער'שִכּוֹר'ט פון זייער נִצָחוֹן, האָבען זיך אריינגעריסען אין לאנד און פערנומען די הייליגע שטאָדט שִילֹה. זיי האָבען זי חָרוּב־געמאכט און דעם אלטען הייליגען טעמפּעל, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פון יהוֹשֻעַ'ס צייטען, האָבען זיי פערברענט.

די לאגע פון די יודען איז געווען זעהר א שווערע. די פּלִשתִּים זענען געוואָרען די בַּעֲלֵי־בָּתִּים איבער די יודישע שטעדט. זיי האָבען איבערגעלאָזט אין זיי איינענע גארניזאָנען און האָבען שטארק געדריקט די בעפעלקערונג, צונעהמענדיג פריהער ביי אלעמען דאָס געוועהר.

פראגען: וואָס האָבען פערשטאַנען די בעסערע מענשען פון פאָלק? — ווי האָט געהייסען דער אָנפיהרער פון שילֹה? — וואָס האָט ער געלערנט די יודען? — פארוואָס האָבען די פּלִשתִּים מנַצֵחַ געווען די יודען? —

---

11. שמוּאֵל.

אין א מִשפָּחָה פון א לֵוִי מיט'ן נאָמען אֶלקָנָה, איז נאָך פאר עֵלִי'ס לעבען געבוירען געוואָרען א יונגעל. די מוטער חַנָה האָט איהם א נאָמען געגעבען שמוּאֵל — דאָס הייסט אויסגעבעטען פון גאָט. אין תַּנַ"ךְ ווערט דערצעהלט וועגען שמוּאֵל'ס געבורט פאָלגענדיגעס: א מאן א לֵוִי האָט געוואוינט אין רָמָה, אין די בערג אֶפרַיִם, און צוויי ווייבער האָט דערדאָזיגער מאן געהאט. איינע, וואָס האָט געהייסען פּנִינָה, האָט געהאט קינדער, אָבער דאָס צווייטע, חַנָה, איז געווען אַן עֲקָרָה. יאָהר־איין און יאָהר־אויס פלעגט דער מאן קומען קיין שִילֹה בוקען זיך צום אֲרוֹן־הָעֵדוּת און אויך צו הערען די הייליגע רייד פון די כֹּהֲנִים. איינמאָל האָט עֵלִי געהערט א שטיל געוויין פון א פרוי און באלד דערויף א קורצע שענע תּפִלָה. דאָס האָט חַנָה געבעטען צו גאָט, ער זאָל איהר שענקען א קינד. האָט זי עֵלִי צוגערופען און געזאָגט:

„געה, מײַן טאָכטער, בשלום, און גאָט זאָל דערפילען דײַן בקשה״.

אין א צײַט ארום האָט דידאָזיגע פרוי געבראכט א קליין יונגעל צו עלי׳ן אין שילה און געזאָגט: „איך האָב דאָ געבעטען צו גאָט, ער זאָל מיך בענשען מיט א קינד. גאָט האָט מיר עס געגעבען. זאָל ער דאָ פערבלײַבען און גאָט דינען״.

און אזוי איז דאָס יונגעל פערבליבען אין שילה און, ווי אלע לוים, אין יע־נער צײַט, האָט ער בעדינט די כהנים. עד איז אָבער געווען פעהיגער בע־גאבטער פון אלע זײַנע חברים — לוים. ער האָט גוט געלערנט און גוט געוואוסט אלע פאָלקס־לעגענדעס און משה׳ס תורה.

זײַן איינציגער בעגעהר איז געווען, אז דאָס גאנצע יודישע פאָלק זאָל אָנהויבען קומען אין שילה, וואו עס וועט זיך בעקענען מיט דער תורה. אין די שטילע נעכט פלעגט ער זעהן וואונדערליכע חזיונות: ער האָט געזעהן, און געהערט ווי פון די אינערליכע הייליגע זאלען טראָגען זיך צו איהם שטימען, וואָס דערצעהלט פון גרויסע פאָלקס־אומגליקען און ער האָט טאקי איבערגעלעבט די גרויזאמסטע צײַטען פאר יודען. ער האָט איבערגעלעבט די גרויסע מפּלה פון די יודען בעת דער מלחמה מיט די פלשתים. ער האָט געזעהן, ווי דער הייליגער אָרון איז ארײַנגעפאלען צו די פלשתים, און ער האָט אויך בײַגעוועהנט עלי׳ס טויט און דעם חורבן פון שילה.

נאָכ׳ן חורבן האָט שמואל געמוזט פערלאָזען שילה, און דעמאָלט האָט זיך געעפענט פאר איהם א ברייטער וועג פאר פאָלקסארבײַט. ער ווערט דער לעהרער און דער נביא בײַ יודען. ער געהט פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, און רופט דאָס פאָלק צו איינזיגונג: „קעהרט זיך אום צום איינציגען גאָט. ווארפט־אוועק די אָבגעטער און דעמאָלט וועט איהר קאָנען בײַשטעהן אײַערע בעדריקער!״

דאָס פאָלק האָט זיך ערנסט צוגעהערט צו שמואל׳ס רייד און האָט איהם ליב בעקומען.

נאָך עלי׳ס טויט איז שמואל געוואָרען שופט בײַ דעם גרעסטען טייל פון די שבטים. פאר זײַן שטענדיגען אָרט האָט ער געמאכט מצפּה, וואָס איז געלעגען אין בנימינ׳ס נחלאות. א סך בעגײַסטערטע תלמידים האָט ער צוגענרייט, זיי זאָלען איהם העלפען אין זײַן ארבײַט. דידאָזיגע

תַּלְמִידִים הָאָבּען גערייסען „בְּנֵי־הַנְּבִיאִים". זיי פלעגען גערן צוזאַמען פון יִשׁוּב צו יִשׁוּב און פערשפרייטען שְׁמוּאֵל'ס רייד, אז גאָט דאַרף נישט קיין קָרְבָּנוֹת, אז דער עִיקָר איז טהאָן גוטס מיט מענשען און זיין אָרענטליך.

שְׁמוּאֵל'ן און זיינע תַּלְמִידִים איז געלונגען צו פעראייניגען אלע שְׁבָטִים און צו בּעפרייען זיי פון געצענדינסט.

ווען שְׁמוּאֵל האָט איינמאָל צונויפגערופען א גרויסע פאָלקסבּעראַטונג אין מִצְפָּה, זענען זיי בּעפאלען געוואָרען פון שטארקע פְּלִשְׁתִּים־חַיָלוֹת. דעמאָלט האָבּען די יודען העלדיש צוקלאפּט די פְּלִשְׁתִּים־מַחֲנוֹת. שטארק־געשלאָגענע, האָבּען די פְּלִשְׁתִּים געשלאָסען א שָׁלוֹם מיט די יודען און האָבּען זיי אומגעקעהרט די אמאָל צוגענומענע שטעדט. דעם אָרוֹן, וואָס איז אריינגעפאלען צו זיי אין די הענד מיט א סך יאָהרען צוריק, האָבּען זיי נאָך פריהער אומגעקעהרט, ווייל א מַגֵּפָה האָט זיך פערשפּרייט אין דער שטאָדט, וואו דער אָרוֹן איז געשטאנען און די איינוואוינער האָבּען געפאָדערט, מען זאָל איהם צונעהמען. אזוי זענען די מִלְחָמוֹת אויף א צייט שטיל געוואָרען און דאָס פאָלק האָט געקאָנט רוהיג אָבּאָטעמען.

פראגען: ווי האָט געהייסען שְׁמוּאֵל'ס פאָטער און מוטער? — צו וואָס פאַר א מִשְׁפָּחָה האָבּען זיי געהערט? — וואָס האָט שְׁמוּאֵל געוואָלט? — וואָס האָט ער אויפגעטהאָן? ווי האָט זיך געענדיגט די פְּלִשְׁתִּים־מִלְחָמָה.

---

12. אֶלְקָנָה און חַנָּה.

אֶלְקָנָה, שְׁמוּאֵל'ס פאָטער, האָט זוֹכֶה־געווען צו האָבּען אזא זוהן, ווייל ער האָט דורך זיין אויפפיהרונג צוגעצויגען די יודען קיין שִׁילֹה, די הייליגע תּוֹרָה־שטאָדט, פון וועלכער זיי האָבּען זיך אָבּגעריסען אין די טומעלדיגע צייטען פון די שוֹפְטִים. ער פלעגט אלעמאָל מיטנעהמען די גאנצע מִשְׁפָּחָה קיין שִׁילֹה: ווייבּ און קינד, בּרידער און שוועסטער און קְרוֹבִים. געקומען אין א שטאָדט, וואָס איז איהם געלעגען בּיים וועג, פלעגט ער מיט דער גאנצער שַׁיָרָא נעכטיגען אויף דער גאס; דאָס פלעגט אויפריהרען אלע איינוואוינער, און זיי פלעגען פרעגען: „וואוהין געהט מען עס?" דערויף פלעגט ער ענטפערן: „צו

גאָטס הויז, קיין שִׁילֹה, פון וואנען דאָס הייליגע וואָרט שטאמט, וואו מען קאָן הערען די שפראך פון גאָט. אויב איהר ווילט, קומט אויך מיט, ווע̇לען מיר געהן צוזאמען". דאָס פלעגט זעהר ווירקען אויף די פערהאוועטע מענשען, טרעהרען פלעגען זיך זיי שטעלען אין די אויגען און זיי פלעגען זאָגען: „יאָ, מיר געהען מיט אייך!"

געהען איין מאל מיט אֶלְקָנָה'ן א צעהן מִשְׁפָּחוֹת, — א צווייט מאָל — צוואנציג, א דריט מאָל—פערציג און אזוי אלעמאָל מעהר און מעהר, ביז די גאנצע געגענד איז מיטגענאנגען. און אלע יאָהר פלעגט אֶלְקָנָה טוישען זיין וועג און פלעגט געהן דורך נייע ערטער און יִשׁוּבִים, ביז עס איז געקומען דערצו, אז אלע יודען האָבען ווידער אָנגעהויבען בעזוכען דעם מִשְׁכַּן־שִׁילֹה.

„אֶלְקָנָה, — האָט איהם גאָט געזאָגט — דורך דיר זענען יודען צוגעצויגען געוואָרען צום הייליגען הויז און צו דער לעבעדיגער תּוֹרָה, פיינער, בעסער און איידעלער זענען זיי געוואָרען. דערפאר וועסטו האָבען א זוהן, וואָס וועט זיין א לעהרער און א וועגווייזער ביים פאָלק. אֶלְקָנָה, דו האָסט זוכֶה־געווען דערצו". און דעמאָלט איז שמוּאֵל געבוירען געוואָרען

13. דאָס פאָדערן אמֶלֶך.

די פעראייניגונג פון אלע שְׁבָטִים אונטער דער מאכט פון א מֶלֶך האָט נעקאָנט פאָרקומען אונטער א שטארקען אויסערליכען דרוק, וואָס איז נאָר צייטווייליג אָבגעשוואכט געוואָרען.

אין עלפטען יאָהרהונדערט, ווען מִצְרַיִם איז געווען פערנומען מיט זיך אליין און האָט זיך בעדארפט פערטיידיגען פון אנדערע פעלקער, האָט זי אויף א צייט פערגעסען די קלענערע פעלקער, וועלכע זי האָט געדריקט. די יודען, ווידער, וואָס האָבען לייכטער אָבגעאָטעמט, האָבען זיך געשראָקען פאר דער שטארקער שכֵנִ'ישער מלוּכָה, און זיי האָבען דעריבער געוואָלט האָבען אַנ'אייגענעם מֶלֶך, וואָס אונטער זיין פעראייניגטער מאכט זאָלען זיי זיך פיהלען זיכערער.

ווי נאָר דער דרוק פון מִצְרַיִם איז שוואכער געוואָרען, האָבען די אלע קליינע פעלקער, וואָס האָבען געוווינט בִּשְׁכֵנוּת מיט די יודען אין אזיען, באלד געוואָלט ברייטער מאכען זייערע גרענעצען, איינס אויף דעם צווייטענס חשבּוֹן. די ערשטע האָבען אָנגעהויבען די פְּלִשְׁתִּים, וואָס האָבען גע־

וואָלט אויסנוצען דעם גינסטינגען מאָמענט און ברייטער מאַכען די גרענייץ פון זייער לאַנד.

האָבען אַ מֶלֶך, אַ העכערע פעראייניגטע מאַכט – דאָס ווערט דער רָצוֹן פון די שְׁבָטִים. די שרעק ארונטערצופאלען אונטער אַ פרעמדען יאָך האָט פאַראַליזירט די נייגונג צו זעלבסשטענדיגקייט און פרייהייט און די קלוגע געגנער פון אַ מֶלֶך האָבען ארויסגעזאָגט אין דער־שטיל זייערע געדאַנקען.

אָפען איז ארויסגעטראָטען נאָר דער נָבִיא. אין די נְבִיאִ'ישע קרייזען האָט מען געקוקט אויפ'ן מֶלֶך אָהן צוטרוי און גלויבען. די נְבִיאִים האָבען געטראַכט און געאַרבייט אין רעליגיעזען זין, בְּשַׁעַת דער מֶלֶך האָט זיך גערעכענט נאָר מיט די וועלטליכע און וואָכענדיגע פאָדערונגען.

פראגען: פאַרוואָס האָבען די יודען געוואָלט אַ מֶלֶך? וואָס איז געשעהן מיט מִצְרַיִם אין עלפטען יאָהרהונדערט? — ווער איז ארויסגעטראָטען געגען אַ מֶלֶך? — ווי האָט מען געקוקט אין די נְבִיאִ'ישע קרייזען אויף אַ מֶלֶך?

---

14. די טַעֲנוֹת צו שְׁמוּאֵל'ן וועגען אַ מֶלֶך.

ווען שְׁמוּאֵל, ווערט דערצעהלט אין תַּנַ"ךְ, איז אַלט געוואָרען, האָבען די ארומיגע פעלקער פון דאָסניי גענומען דריקען די יודען. זיינע צוויי זיהן, יוֹאֵל און אֲבִיָּה, זענען נישט געגאַנגען אין פאָטערס וועגען. די עַמּוֹנִים און אנדערע פעלקער זענען אַלץ טיפער אַריינגעדרונגען אין די יודישע געביטען. דאָס יודישע פאָלק האָט נישט געהאַט ווער עס זאָל אוועקגעשטעלט ווערען בְּראָש פון פאָלק און זאָל ווייטער פיהרען שְׁמוּאֵל'ס פעראייניגונגס־אַרבייט. דער געדאַנק, אַז נאָר אַ מֶלֶך, ווי ביי אַלע שְׁכֵנִ'ישע פעלקער, קאָן ראַטעווען די שווערע לאַגע, אַז נאָר אַ מענש מיט אַ גרויסער מאַכט קאָן אָנפיהרען מיט די מִלְחָמוֹת און אויך מיט אַ שטענדיגער אַרמעע, איז אַלץ עפטער און עפטער ארויסגעזאָגט געוואָרען ביי יודען.

די זְקֵנִים פון יודישען פאָלק זענען געקומען צו שְׁמוּאֵל'ן אין רָמָה און האָבען איהם געזאָגט: „זעה, דו ביזט אַלט. און דיינע

זיהן געהען נישט אין דײַנע װעגען. מאך איבער אונז א מֶלֶך, װי בײַ אַלע פעלקער, און זאָל ער אונז מִשְׁפָּט'ן און הערשען איבער אונז". אָבער דער אלטער נָבִיא האָט געשטיינט פון דער פאָדערונג, און בייז איז ער געוואָרען; צו־לאנג האָט דער אלטער געלעבט מיט'ן געדאנק, אז דאָס יודישע פאָלק האָט זײַן מֶלֶך – דעם בעשעפער פון אַלץ און אלעם, און דאָ ווילען זיי גאָר א מֶלֶך, ווי אלע פעלקער. און שמואֵל האָט מיט פער־ביטערונג געזאָגט צו די זְקֵנִים און האָט זיי אָנגעוויזען אויף די אלע פּורעָנִיוֹת'ן, וואָס א מֶלֶך ברענגט מיט זיך:

„דער מֶלֶך, וואָס איהר בעגעהרט איהם אזוי, — האָט ער געזאָגט, — וועט אוועקנעהמען אײַערע זיהן און מאכען זיי פאר זעלנער; זיי וועלען זײַן זײַנע רײַטער און וועלען לויפען פאָראויס פאר זײַן רײַטוואָגען. זיי וועלען ארבײַטען אין זײַנע פעלדער און גערטנער און שמידען פאר איהם געוועהר. און אײַערע טעכטער וועט ער נעהמען און מאכען זיי פאר קעכינס און בעקערינס. ער וועט אויך צונעהמען אײַערע פעלדער און גערטנער און וועט זיי אוועקשענקען זײַנע קנעכט. ער וועט אוועק־רויבען אײַערע שאָף און רינדער, אײַערע אייזלען און פערד, אײַער האָב־און־גוטס און איהר אליין וועט אויך זײַן בײַ איהם ווי קנעכט. און קלאָגען און שרײַען וועט איהר און שעלטען וועט איהר דעם טאָג, אין וועלכען איהר האָט זיך א מֶלֶך אויסדערוועהלט. אָבער צו־שפּעט וועט שוין זײַן. עס וועט אײַך קיינער נישט העלפען און גאָט וועט נישט הערען אײַער געשריי".

דאָס פאָלק האָט אָבער נישט געוואָלט הערען און האָט אַלץ געשריען: „א מֶלֶך ווילען מיר"!

דערנאָך האָט דער אלטער נָבִיא נאָכגעגעבען און האָט אָנגעהויבען זוכען א פאסיגען מענשען פאר א מֶלֶך. ער האָט געזוכט א פָּשוּט'ען מאן פון אַנ'איינפאכער מִשְׁפָּחָה און פון א קליינעם שֵׁבֶט, כְּדֵי ער זאָל זיך נישט איבערנעהמען און נישט דריקען זײַנע ברידער.

פראגען: ווי האָבען געהייסען שמואֵל'ס צוויי זיהן? — וואָסערע פעלקער זענען אריינגעדרונגען טיפער אין די יודישע געביטען? — וואָס האָבען די זְקֵנִים געזאָגט צו שמואֵל'ן? — וואָס האָט זיי שמואֵל געענטפערט? — און וואָס פאר א מִשְׁפָּחָה האָט שמואֵל געזוכט א מֶלֶך? —

15. שָׁאוּל.

דער שֵׁבֶט בִּנְיָמִין, ווי עס בּעדארף קלאָר ווערען פון די פריהערדיגע קאפּיטלעך, איז נאָך דער בּרודער־מִלְחָמָה שוואך, קליין און אָרים געוואָרען. אָהן אַ שֵׁם און אָהן כָּבוֹד האָט ער געלעבּט צווישען די אלע איבּעריגע שְׁבָטִים. אויף דעמדאָזיגען שֵׁבֶט האָט זיך, נאטירליך, דער אלטער נָבִיא אָפּגעשטעלט. דער גוֹרָל איז געפאלען אויף אַ העלדישער, אָבּער בּעשיידענער מִשְׁפָּחָה. שְׁמוּאֵל האָט די מִשְׁפָּחָה פון קִישׁ'ן גוט געקאָנט. ער האָט אויך גוט געקאָנט דעם העלדישען און דעם בּעשיידענעם שָׁאוּל'ן וואָס וועגען איהם איז שוין געגאנגען אַ לעגענדע אין שֵׁבֶט בִּנְיָמִין. בְּעֵת די פְּלִשְׁתִּים האָבּען אין עֵלִי'ס צייטען פערכאפּט דעם אָרוֹן מיט די לוּחוֹת, איז שָׁאוּל, אַנ׳אויפגערעגטער, געלאָפען אין דעם פיינדס מחנה. דאָרט האָט ער געזעהן ווי אַ ריזיגער מאן מיט'ן נאָמען גָלְיַת האלט אין זיינע הענד די הייליגע לוּחוֹת. דער יונגער שָׁאוּל האָט זיך אָבּער נישט דערשראָקען, איז צוגעלאָפען צום ריז, אַ כאפּ געטהאָן פון זיינע הענד די לוּחוֹת און געקומען מיט זיי אויף זיין אָרט. די פְּלִשְׁתִּים האָבּען איהם דעמאָלט נישט נאָכגעיאָגט, ווייל אַ שרעק איז זיי בּעפאלען. דעמדאָזיגען שָׁאוּל'ן האָט עס שְׁמוּאֵל געוואָלט מאכען פאר דעם ערשטען יודישען מֶלֶך.

גראָד צו דער צייט, ווערט דערצעהלט אין תַּנַ"ך, זענען בּיי קִישׁ'ן שָׁאוּל'ס פאָטער, פערפאלען געוואָרען אייזלען, און שָׁאוּל האָט זיי ארומגעזוכט. איז ער, געהענדיג, אריין צום נָבִיא פרעגען — צי עס וועט האָבּען ערפאָלג זיין זוכען. האָט זיך דער נָבִיא זעהר דערפרעהט, וואָס דער העלד, וועגען וועלכען ער האָט לאנג געטראכט, איז געקומען צו איהם אין הויז. און דער נָבִיא האָט איהם געזאָגט: „טראכט נישט פון פערפאלענע אייזלען, מען האָט זיי שוין געפונען. עס ווארט אויף דיר אַ בּעסערער מַזָל אין פאָלק יִשְׂרָאֵל". און דעמאָלט האָט ער איהם געזאלבּט פאר אַ מֶלֶך און געמאכט אַ גרויסארטיגען מאָלצייט און דערנאָך אָפּגעשיקט איהם אהיים. צוריקוועגס האָבּען שָׁאוּל בּעגעגענט אַ חֶבְרָה פון יונגע בּעגייסטערטע נְבִיאִים. צווישען זיי איז שָׁאוּל געוואָרען גאָר אַנ׳אנדערער. ער האָט אליין אויך אָנגעהויבּען צו זאָגען נְבִיאוֹת": אז עס איז געקומען די צייט צו בּעפרייען זיך פון פרעמדע יאָך

אין א קורצער צייט ארום האָט שמואל צונויפגערופען א גרויסע פערזאמלונג אין מִצְפָּה אויסצוּוועהלען א מֶלֶך. אויסגעקליבע געוואָרען איז שָׁאוּל, דער זוהן פון קִישׁ. האָט מען אָנגעהויבען זוכען דעם אויסגעוועהלטען מֶלֶך און מען האָט איהם געפונען ערגעץ בעהאלטען צווישען כֵּלִים. אז מען האָט איהם ארויסגעפיהרט פאר׳ן פאָלק, איז ער געווען מיט א קאָפּ העכער פון די אלע דערביי־געוועזענע. „לעבען זאָל דער מֶלֶך״! האָט געשריען דאָס פאָלק. אָבער א טייל איז דאָך נישט צופרידען געווען מיט דעם בעשיידענעם ערדארבייטער שָׁאוּל; כְּדֵי ער זאָל איינשטימיג אויסגעוועהלט ווערען, האָט ער בעדארפט וויזען עפּעס א העלדישקייט פאר׳ן פאָלק. פערשריבען האָט שמואל אלץ אין א בוך, איבערצולאָזען עס דעם פאָלק לְזִכָּרוֹן, און שָׁאוּל איז אוועק צו זיין שטילער ארבייט אין גִבְעָה און איהם האָט בעגלייט א חַיִל, ביי וועלכען ער האָט נוֹשֵׂא־חֵן־געווען.

פראגען: ווי האָט געהייסען דער ערשטער יודישער מֶלֶך? — פון וואָסער מִשְׁפָּחָה האָט ער געשטאמט? — וואָס פאר א לעגענדע איז געגאנגען וועגען איהם אין שֵׁבֶט בנימין? — צו וואָסער שֵׁבֶט האָט ער געהערט? — וואָס ווערט דערצעהלט אין תַּנַ״ך וועגען איהם? —

---

16. שָׁאוּל׳ס ערשטער נִצָּחוֹן.

נישט אלע שְׁבָטִים זענען געווען צופרידען מיט שָׁאוּל׳ן אלס מֶלֶך, אָבער באלד האָבען זיי אלע געמוזט מוֹדֶה־זיין, אז שמואל׳ס אויסוואהל איז געווען א ריכטיגער.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען נָחָשׁ, דער מֶלֶך פון עַמּוֹן, האָט בעלאגערט די שטאָדט יָבֵשׁ־גִלְעָד. די איינוואוינער פון יָבֵשׁ האָבען איהם פאָרגעלעגט א שָׁלוֹם, אָבער דערויף האָט ער נאָר געזאָגט: „איך וועל מיט אייך שָׁלוֹם מאכען נאָר דעמאָלט, ווען איך וועל יעדען פון אייך אויסשטעכען דאָס רעכטע אויג״. האָט די בעפעלקערונג פון יָבֵשׁ געבעטען עטליכע טעג צו בעראטען זיך און ער איז מְרוּצֶה־גע־

זאָ־ען. דעמאָלט האָבען זיי בעשלאָסען צו שיקען משולָחים איבער'ן גאַנצען לאַנד ישׂראל און בעטען הילף. אויב קיין הילף וועט נישט קומען, וועלען זיי זיך מוזען איבערגעבען אין זיינע הענד, ער זאָל טהאָן מיט זיי, וויו איהם וועט זיך וועלען. געבראַכט דידאָזיגע ידיעה קיין גִבעה, איז די בעפעלקערונג טיף גערירט געוואָרען און מען האָט שטיל גע־וויינט. פּאַרנאַכט איז שָאול געקומען מיט'ן אַקער פון פעלד. די ידיעה איז דערגאַנגען צו איהם און ער האָט געזעהן, ווי דאָס פאָלק וויינט אין דער־שטיל, אָבער ער האָט נישט מיטגעוויינט מיט זיי. פערקעהרט, ער איז זעהר אויפגעבראַכט געוואָרען און האָט באַלד געשאָכטען א פּאָר אָקסען, צושניטען זיי אויף שטיקער און דידאָזיגע שטיקער צושיקט איבער'ן לאַנד, אָנזאָגענדיג: „ווער עס וועט נישט אַרויסגעהן אויף מִלחָמה צוזאַמען מיט שָאול'ן און שמואֵל'ן, דעם וועט אַזוי געטהאָן ווערען מיט זיינע רינדער".

האָבען זיך צעהנדליגער טויזענדער העלדען פון אַלע עקין לאַנד אַזי־ליג פערזאַמעלט אַרום מוטיגען מֶלֶך, און שָאול האָט נישט געזאַמט: ער האָט באַלד צוטיילט זיין חַיִל אויף דריי מַחנות, און איז אין א פריהמאָר־גען בעפאַלען פלוצלונג די עמוֹנים. און ביז דער טאָג איז הייס גע־וואָרען, איז אינגאַנצען צוריבען געוואָרען דער פיינד און עס איז נישט אי־בערגעבליבען פון די עמוֹנים, ווי דער תּנ"ך זאָגט, „קיין צוויי צוזאַמען".

נאָך דעמדאָזיגען גרויסען נִצָחוֹן, וואָס שָאול מיט זיין חַיִל האָט געבראַכט די איינוואוינער פון יָבֵש, איז ער אָנערקענט געוואָרען ביי אַלע שבָטים.

דעמאָלט האָט שמוּאֵל איינגעפונען, אַז איצט איז די צייט צו בע־פעסטיגען שָאול'ס מלוכה. האָט ער צונויפגערופען דאָס פאָלק אין דער שטאָדט גִלגָל, און דאָרט איז שָאול צום צווייטען מאָל געקרוינט געוואָרען פאַר א מֶלֶך ביי יודען.

דאָ האָט זיך שמוּאֵל הערצליך צוזעגענט מיט'ן פאָלק, וועלכען ער האָט געדינט מיט לייב און זעל פון זיין יוגענד אָן. „זאָגט פאַר גאָט און פאַר זיין געזאַלבטען,— האָט דער אַלטער זיך אָנגערופען—וועמען האָב איך בעליידיגט און בערויבט? וועמעס אָקס האָב איך גענומען און וועמעס אייזעל? און ביי וועמען האָב איך אויסלייזונג גענומען?

האָט דאָס פאָלק אין איין קול אויסגעשריען: „ניין! דו האָסט אונז קיינמאָל נישט בעליידיגט און נישט בערויבט און קיינעם נישט געדריקט“.

פראגען: וואָס איז געווען שמואל'ס נִצָּחוֹן? — מיט וועלכען פאָלק האָט ער מִלְחָמָה־געהאלטען? — ווי אזוי האָט ער פערזאמעלט זיין חַיִל? — וואָס האָט שמואל געזאָגט ביים געזעגענען זיך מיט'ן פאָלק? — וואָס האָט דאָס פאָלק איהם געענטפערט? —

17. שָאוּל'ס מלוּכָה.

(פון יאָהר 1067 — ביז 1055 פאר דער היינטיגער ערא).

שָאוּל האָט איינגעזעהן, אז נישט מיט צופעליגע מענשען וועט מען קאָנען קעמפען מיט די אלע ארומיגע פעלקער, וואָס האָבען אלין געוואָלט אָבנעהמען ביי די יודען די איינגענומענע לענדער, נאָר מיט א רעגולערער ארמעע. אין תַּנַ"ך ווערט דערצעהלט, אז שָאוּל פלעגט דערזעהן א העלדישען מוטיגען מאַן, פלעגט ער איהם אריינציהען אין זיין ארמעע. ער האָט געשאפען אַנ'ארמע פון דרייטויזענד מאַן, און אין דער צייט פון א מִלְחָמָה פלעגט מען, נאָך צוציהען די רעזערווען. דער מֶלֶךְ אליין איז געווען דער אָנפיהרער פונ'ם חַיִל; מיט א בעזונדער מַחֲנֶה האָט אויך אָנגעפיהרט דער העלדישער זוהן פון מֶלֶךְ—יוֹנָתָן.

די פְּלִשְׁתִּים זענען צו יענער צייט געווען דער שטארקסטער יודישער שׂוֹנֵא. זיי האָבען אָבגענומען ביי די יודען דאָס געוועהר, זיי זאָלען זיך נישט קאָנען בעשיצען און קיין איינציגער שמיד האָט נישט געטאָרט זיין אין לאנד.

דער העלדישער יוֹנָתָן האָט זעהר געליטען דערפון, וואָס די יודען זענען פעריאָכט ביי די פְּלִשְׁתִּים און ער האָט געזוכט און געלעכצט נאָך מִלְחָמָה מיט זיי. איינמאָל האָט זיך יוֹנָתָן אריינגעריסען מיט זיינע גִבּוֹרִים אין גִבְעָה, איז בעפאלען דעם דאָרטיגען גארניזאָן און געטויט זייער עלטסטען. דעמאָלט האט שָאוּל געהייסען אויסרופען מִלְחָמָה אין לאנד, און באלד האָט זיך דאָס פאָלק פערזאמעלט ארום איהם. די

פלשתים זענען אָנגעקומען מיט זייערע רײַטוועגען און גוט בעוואָפענטען חיל, און די יודען האָבען זיך דערשראָקען. ביסלעכווײַז האָבען זיי אָנגעהויבען פערלאָזען שאול'ן און זיך בעהאלטען אין בערג און גריבער. געבליבען זענען בלויז עטליכע הונדערט העלדען, אָבער מיט אזא קליינער צאָהל האָט מען, נאטירליך, נישט געקאָנט ארויסטרעטען אויף אנ'אָפענעם קאמף מיט די גוט אָרגאניזירטע פלשתים. דעמאָלט האָט זיך יונתן בעשלאָסען אויף א העלדישען שריט: דער לאגער פון די פלשתים האָט זיך געפונען אויף א הויכען בארג. האָט זיך יונתן צוזאמענגערעדט מיט זײַן וואָפענטרעגער און ביידע האָבען מיט גרויס מיה און אָנשטרענגונג ארויפגעקלעטערט אויפ'ן בארג, צוגע'גנב'עט זיך צו דער מחנה פון די פלשתים און אָנגעהויבען פלוצלונג בעשיסען זיי מיט זייערע פײַלען. די פלשתים זענען צומישט געוואָרען: זיי האָבען געמיינט, אז א גרויסער חיל איז זיי בעפאלען און אין גרויס שרעק זענען זיי זיך צולאָפען.

אז שאול מיט זײַן הײַפעל גבורים האָט בעמערקט די מהומה אינ'ם פײַנד'ס לאגער, האָט ער זיך שנעל געלאָזט זיי נאָכיאָגען בארג-אראָב. דעמאָלט זענען אויך צוגעשטאנען די בעהאלטענע אין די היילען און אין די בערג, און די מפלה פון די פלשתים איז געווען גרויס און אונגעריכט. איצט האָבען זיך די יודען אויף א צײַט בעפרײַט פון זייער גרעסטען שונא און בעדריקער. דאָס לאנד איז פרײַ געוואָרען און די בעפעלקערונג האָט זיך פרידליך געקאָנט פערנעהמען מיט איהר ארבײַט.

שאול איז געוואָרען אלץ מעהר בעליבט בײַם פאָלק. דאָס גליק האָט איהם בעגלייט אין אלע זײַנע מלחמות. אז ער האָט זיך דערפיהלט פעסטער אויף זײַן מלוכה־שטוהל, האָט ער איבערגעטראָגען זײַן רעזידענץ אין גבעה. דער קעניגליכער הויף אין גבעה איז געווען זעהר איינפאך און בעשיידען. אין די יום־טובים און ראש־חדש פלעגען צום מלכ'ס טיש אײַנגעלאדען ווערען געסט. בעזונדערס נאָהנט צום מלך איז געווען דער העלדישער אבנר. איצט איז אבנר געוואָרען דער אָנפיהרער פונ'ם גאנצען יודישען חיל.

שאול האָט געלעגט א סך מיה דערויף, צו פערשפרייטען די אלטע יודישע מנהגים אין פאָלק. ער האָט געוואָלט אויס־

ווארצלען די געצענדינערייַ און ער האָט פערטריבען פון לאַנד אַלע מכשפות און טרעפערינס. אָבער די שטענדיגע מלחמות, וואָס ער האָט געמוזט פיהרען, האָבען איהם געשטערט אין זיין אַרבייַט.

פראגען: מיט וואָס פאַר אַן'אַרמעע האָט מען, לויט שָאול'ס מיינונג, געקאָנט פיהרען מלחמה? — וואָס ווערט דערצעהלט אין תנ"ך וועגען דעם? — ווער איז געוועזען דער שטאַרקסטער יודישער שונא אין יענער צייַט? — וואָס האָט אויפגעטהאָן יונתן? — ווי האָט שָאול געלעבט? — ווער איז דעמאָלט געוועזען דער גאַנצער אָנפיהרער פון די יודישע חילות? —

18. שָאול'ס מלחמה מיט די עמלקים.

דער גייַסט פון רויבערייַען און אָנפאַלען איז געוועזען פרעמד דעם יודישען פאָלק, וואָס האָט געלעבט בייַ זיין פרידליכער אַרבייַט. עמלק, דער שטענדיגער רויבער און אָנפאַלער אויף יעדערנס האָב-און-גוטס, איז געוועזען דער ערשטער שונא פון די יודען נאָך פון משה'ס צייַטען.

די שנאה צו דעמדאָזיגען ווילדען פאָלק איז געוועזען טיף אייַנגע-ווארצעלט אין די יודישע הערצער, און שמואל האָט זיך געווענדט צו שָאול'ן אין נאָמען פון גאָט און האָט אזוי געזאָגט: „געה, שלאָג עמלק'ן, און זאָלסט איהם פערוויסטען און זאָלסט זיך נישט דערבאַרימען איבער זיין אָקס און שאָף, קעמעל און אייזעל. געדענק, וואָס ער האָט אונז געטהאָן, בעת מיר זענען אַרויס פון מצרים“.

האָט שָאול צונויפגעזאַמעלט זיין חיל און אוועק אין דרום-זייַט פון ארץ-ישראל. דאָרט האָט ער זיך אַרייַנגעריסען אין עמלק'ס לאַנד און געמאַכט אַ תל פון זיין אָנגערויבטען און אָנגעגזל'טען האָב-און-גוטס. אָבער אגג, דעם מלך פון עמלק, האָט ער געבראַכט אַלעבעדיגען און צו-זאַמען מיט איהם אויך אַ טייל פון זיינע בעסטע שאָף און רינדער. רחמנות האָט ער געהאַט אויפ'ן מלך און אויף די שאָף, און האָט נישט געפאָלגט דעם נביא. און אַז שמואל האָט דערזעהן, אַז שָאול האָט נישט אויסגעפיהרט זיין רצון, דאָס הייסט, אַז דער מלך האָט זיך דערבאַרימט אויפ'ן שונא, האָט עס איהם שטאַרק פערדראָסען.

נאָכ'ן גרויסען נצחון איבער עמלק'ן האָט שָאול מיט גרויס שמחה בעגעגענט דעם נביא און געזאָגט: „איך האָב דערפילט גאָטס וואָרט“. אָבער

שמואל האָט געפרעגט: „וואָס=זשע הער איך עס פאר א קול פון שאָף? און וואָס פאר א רינדער הער איך עס?“ און שאול האָט געענטפערט: „דאָס פאָלק האָט געבראכט פון עמלק'ס פעלדער מקריב=צו=זיין קרבנות“. אָבער דער נביא האָט איהם בייז בעמערקט: „גאָט בעדארף נישט קיין קרבנות, און הערען גאָטס קול און פאָלגען איהם איז פיל גלייכער פון אלע קרבנות, אָבער דערפאר, וואָס דו האָסט אָבגעוואָרפען גאָטס וואָרט, האָט דיך גאָט אָבגעוואָרפען פון צו זיין א מלך“.

מיט דידאָזיגע ווערטער האָט זיך שמואל פון איהם אָבגעקעהרט.

שווער איז געווען שאול'ן דידאָזיגע שטראָפרייד פון שמואל'ן אין די אויגען פון פאָלק, און ער האָט איהם געזאָגט: „אמת, איך האָב געזינדיגט, אָבער רעספעקטיר מיך פאר'ן פאָלק און געה נישט אוועק“. האָט זיך שמואל אומגעקעהרט און געהייסען ברענגען אגג'ן, דעם מלך פון עמלק, צו וועלכען ער האָט געזאָגט: „אזוי ווי דו האָסט מיט דיין שווערד בערויבט מאמעס פון קינדער, אזוי זאָל דיין מוטער בערויבט ווערען פון דיר“. אגג'ן האָט מען געטויט, און שמואל האָט געזאָגט צו שאול'ן: „גאָט האָט היינט אוועקגעריסען די מלוכה פון דיר, און ער האָט זי אוועקגעגעבען צו דיין פריינד, וואָס איז בעסער פון דיר, און דער שטארקער פון ישראל וועט נישט לייקענען און וועט נישט חרטה=האָבען, ווארום ער איז נישט דער מענש, וואָס זאָל חרטה-האָבען“. נאָכדעם איז שמואל אוועק אין זיין שטאָדט רמה, און שאול האָט זיך אומגעקעהרט קיין גבעה. צווישען מלך און נביא איז פאָרגעקומען א צושפאלטונג, און מעהר האָט שוין שמואל נישט געזעהן שאול'ן ביז זיין טויט. שמואל האָט בעשלאָסען ביי זיך, אז שאול פאסט נישט מעהר פאר א מלך, און האָט אָנגעהויבען זוכען א פאסיגערן מאן, וואָס זאָל קאָנען אָנשטענדיג פערטרעטען דעם כסא-המלוכה.

פראגען: וואס פאר א פאָלק איז געווען דער עמלק? — וואָס האָט שאול געזאָגט צו שמואל'ן? — ווי האָט שאול געענדיגט די מלחמה מיט'ן עמלק? — פארוואָס איז שמואל נישט צופרידען געווען מיט שאול'ן? — ווי האָט געהייסען דער מלך פון עמלק, וואָס שאול האָט איהם גענומען אין געפאנגשאפט? — וואָס האָט שמואל געזאָגט צום מלך פון עמלק? — וואָס האָט שמואל בעשלאָסען ביי זיך? —

19. שָׁאוּל און דָוִד.

לאנג האָט שמוּאֵל געטרויערט אויף שָׁאוּל'ן. דער אלטער נָבִיא האָט געפיהלט און געוואוסט, אז שָׁאוּל ליידט דערפון, וואָס ער האָט זיך אָבגעקעהרט פון איהם, אָבער אנדערש מאכען האָט ער נישט געקאָנט. דער תַּנַ"ךְ דערצעהלט, אז שמוּאֵל מיט זיין נָבִיא'שען גייסט האָט זיך דערוואוסט פון א מִשְׁפָּחָה יִשַׁי, וואָס האָט געוואוינט אין בֵּית־לֶחֶם, אין די נַחֲלָאוֹת פון שטארקען שֵׁבֶט יְהוּדָה. אכט זיהן האָט געהאט דער אלטער יִשַׁי, אָבער דער יונגסטער, דָוִד, איז געווען א שענער, א קלוגער און א מוטיגער. זיינע קינדער־יאָהרען האָט דָוִד פערבראכט אויף די פעלדער פון בֵּית־לֶחֶם, וואו ער האָט געפיטערט די שעפסען פון זיין פאָטער. דאָ האָט ער געזונגען זיינע פאסטוך־לידער און פלעגט שפילען אויף א הארפע. איינמאָל איז דער נָבִיא געקומען קיין בֵּית־לֶחֶם און האָט פאָרגעזאָגט דעם יונגען דָוִד'ן זיין הערליכע צוקונפט. דערנאָך האָט ער איהם געזאלבט מיט'ן הייליגען בוימעל, ווי דער מִנְהָג איז ביים זאלבען א נייעם מֶלֶךְ. דאָס איז פאָרגעקומען בסוֹד, און אויסער יִשַׁי'ס מִשְׁפָּחָה האָט קיינער פון דעם נישט געוואוסט.

נאָך דער מִלְחָמָה מיט די עֲמָלֵקִים איז שָׁאוּל גייסטיג קראנק געוואָרען: „א בייזער גייסט האָט איהם אָנגעהויבען בעאונרוהיגען" — דערצעהלט דער תַּנַ"ךְ. די צאָרנדיגע ווערטער פון נָבִיא, „אז גאָט האָט שוין די מְלוּכָה איבערגעגעבען א צווייטען", האָט ער גוט געדענקט, און ער האָט מוֹרָא־געהאט, אז אָט קומט א סוֹף צו זיין קורציעהריגער מְלוּכָה. זיינע פריינד האָבען געזעהן, אז ער איז אומעטיג, און זיי האָבען זיך אָנגערופען צו איהם: „מיר וועלען דיר ברענגען א מאן, וואָס קאָן שען שפילען אויף א הארפע, וועט ער דיך פרעהליכער מאכען דורך זיין שפילען".

האָט מען געזוכט אזא הארפע־שפילער און, צולעצט, האָט מען געפונען דָוִד'ן פון בֵּית־לֶחֶם. דָוִד איז באלד געבראכט געוואָרען אין גִבְעָה צו שָׁאוּל'ן. דער יונגער לעבענסלוסטיגער פאסטוכל איז געפעלען געוואָרען דעם אומעטיגען מֶלֶךְ, און ער איז געוואָרען זיין וואָפענטרעגער. יעדעס מאָל, ווען שָׁאוּל פלעגט ארייַנפאלען אין מָרָה־שְׁחוֹרָה, פלעגט דָוִד נעהמען זיין

הארפע און שפילען אזוי לאנג, ביז דעם מֶלֶך׳ס מרה־שחורה פלעגט צורונען ווערען.

אין אקורצער צײַט ארום האָט זיך דָוִד אויסגעצייכענט אויך מיט זײַן גבוּרָה: פערציג טעג זענען צוויי ארמעען — די ארמעע פון די פְלִשְתִּים און די ארמעע פון די יודען — געשטאנען געגען אײינאנדער און די מִלְחָמָה האָט זיך אלץ נישט אָנגעהויבען. דעמאָלט איז פון דער פְלִשְתִּים־זײַט ארויסגעטרעטען דער בעקאנטער ריז גָלְיַת און האָט אויסגערופען צו דער יודישער ארמעע: „וועהלט אויס פון אײַך אזא אײינעם, וואָס זאָל זיך קאָנען שלאָגען מיט מיר. וועל איך איהם בײַקומען, וועט איהר זײַן אונזערע קנעכט. וועט ער מיך בײַקומען, וועלען מיר זײַן אײַערע קנעכט.‟ אז שאול האָט דערהערט דידאָזיגע ווערטער, האָט ער געהייסען אויסרופען: „ווער עס וועט שלאָגען דעם עוֹכֵר־יִשְרָאֵל, וועט בעקומען מײַן טאָכטער מִיכַל פאר א ווײַב און אויך א סַך עֲשִירוֹת‟. אָבער דאָס אויסזעהן פון ריז און זײַן בעוואָפענונג האָט אויף אלעמען ארויפגעוואָרפען א מוֹרָא. אין דער אײינענער צײַט איז דער יונגער דָוִד געקומען אין דער ארמעע געוואָהר ווערען זײַנע עלטערע ברידער. ווען ער האָט דערהערט וועגען דעם אײינענארטיגען פאָרשלאָג פון גָלְיַת־הַפְלִשְתִּי, האָט ער זיך בעשלאָסען ארויסצוטרעטען געגען איהם. אָבער אז דער מֶלֶך און דָוִד׳ס ברידער האָבען זיך דערוואוסט דערפון, האָבען זיי געלאכט: „א יונגעל ביזטו דאָך, און ער איז אנ׳אלטער קריגער‟. דָוִד האָט זיך אָבער נישט פערלאָרען און האָט זיך אָנגערופען צום מֶלֶך: „דײַן קנעכט איז א פאסטוך. אײינמאָל זענען געקומען א לייב און א בער און האָבען אוועקגעטראָגען א לעמעלע פון מײַן סטאדע. בין איך זיי נאָכגעגאנגען און האָב זיי ביידען געשלאָגען און געטויט‟.

האָט איהם שאול געגעבען זײַן שווערד און זײַן פאנצער, אָבער נישט צו אזעלכע כְּלֵי־זַיִן איז געוועהנט געוועזען דער יונגער פאסטוך. ער האָט בעסער אָנגעצויגען זײַן שטיינוואַרפער, ארויסגענומען א שטיין פון זײַן פאסטוך־טאָרבע און האָט איהם א שלײַדער געטהאָן, און דערמ׳ט געשלאָגען דעם פְלִשְתִּי. דערנאָך איז ער צוגעלאָפען צום געפאלענעם ריז, ארויסגעצויגען זײַן שווערד און אויפ׳ן אָרט איהם געטויט. אז די פלשתים האָבען דער־

עהן, אז זייער העלד איז געפאלען, זענען זיי זיך צולאָפען, און די יודישע מחנות האָבען זיי נאָכגעיאָגט און פערניכטעט.

דעמאָלט האָט שָאול מקַיֵים־געווען זיין וואָרט און האָט דָוִד'ן גע־געבען זיינע טאָכטער מִיכַל פאר א ווייב.

פראגען: וואָס ווערט דערצעהלט אין תַנַ"ך וועגען שמואל'ן און דָוִד'ן? — ווי האָט געהייסען דָוִד'ס פאָטער? — וואָס האָט דָוִד גע־טהאָן? — וואו האָט ער געוואוינט? — מיט וואָס פלעגט ער זיך בעשעפטיגען אין דער לעדיגער צייט? — ווי האָט זיך שָאול געשפירט נאָך דער מִלְחָמָה מיט'ן עֲמָלֵק? — צוליב וואָס האָט מען צו איהם געבראַכט דָוִד'ן? — ווי האָט געהייסען דער ריז פון די פלשתים? — וואָס האָט ער פאָרגעלעגט? — וואָס האָט דָוִד בעוויזען פאר א גבורה? —

---

20. דָוִד דער טרייער פאסטוך.

(א לעגענדע).

דָוִד אלס פאסטוך פלעגט פיטערן זיינע שאָף אזוי אויסגערעכענט, אז יעדען פון זיי זאָל אָנקומען אזא פוטער, וואָס איז גוט און געזונד פאר איהם. צום ערשטען פלעגט ער ארייספיהרען נאָר די יונגסטע אָהנצייהניגע שעפעלעך, זיי זאָלען אָבעסען דאָס אויבערשטע פון גראָז, נאָר דאָס ווייכסטע און דאָס גרינסטע צום קייען, דערנאָך — די אלטע שוואכצייהניגע צאפעס, זיי זאָלען געניסען פון דער־מיט גראָז, נאָך אייך גענוג ווייך, און צום לעצטען — די יונגע דערוואקסענע שאָף, וואָס מיט זייערע פעסטע צייהן קאָנען זיי אויס־בייסען און פערדייען דאָס אונטערשטע הארטע גראָז, נאָהנט בײַם וואָרצעל.

דערפאר האָט איהם א בַת־קול געזאָגט: „דער, וואָס קאָן אזוי טריי פיטען זיינע שאָף — און זיינע העלד פערטרוי איך מיינע שאָף: מיין פאָלק".

---

21. שָאול'ס שִנְאָה צו דָוִד'ן.

ווען די יידישע חֲיָלוֹת האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון מִלְחָמָה, זיינען אנטקעגען זיי געקומען די טעכטער פון יִשְׂרָאֵל, וואָס האָבען גע־

טאנצט מיט פּײַקלעך אין די הענד, און האָבען געזונגען: „שָׁאוּל האָט בּעזיגט טויזענדער און דָוִד צעהנדליגער טויזענדער".

דעמאָלט האָט שָׁאוּל פערשטאנען, אז דָוִד איז דער אויסדערוועהלטער, וועמען עס איז בּעשערט איבּערצונעהמען זײַן מלוּכָה, ווי שְׁמוּאֵל האָט איהם דאָס לעצטע מאָל געזאָגט, און ער האָט איהם פײַנט בּעקומען. די קלאַנגען פון דָוִד'ס הארפע האָבען שוין מעהר נישט בּערוהיגט דעם צורודערטען מֶלֶךְ, פערקעהרט, זיי האָבען נאָך געוועקט גרעסערע שרעק און קִנְאָה אין זײַן הארצען. איינמאָל, ווען שָׁאוּל האָט זיך געפונען אין זײַן שווערער שטימונג און דָוִד האָט געשפּילט פאר איהם, האָט שָׁאוּל א וואָרף געטהאָן אויף איהם זײַן שפּיז און האָט איהם שיער נישט געטויט. פון דעמאָלט-אָן האָט זיך דָוִד מעהר נישט בּעוויזען אין מֶלֶךְ'ס הויז, אָבער דָוִד פלעגט ארויסטרעטען געגען פײַנד, אָנשטאָט שָׁאוּל'ן.

און אין דער צײַט, ווען דער מֶלֶךְ האָט אזוי פײַנט געהאט דָוִד'ן, האָבען שָׁאוּל'ס קינדער — יוֹנָתָן און מִיכַל (דָוִד'ס פרוי) זעהר ליב געהאט דעם יונגען העלד. און ווען שָׁאוּל האָט איינמאָל בּעפעהלען זײַנע דינער, זיי זאָלען טויטען דָוִד'ן, האָבען זיי, פערקעהרט, איהם מַצִיל-געווען און ער איז אנטלאָפען קײַן רָמָה צו דעם אלטען שמוּאֵל'ן. אהער איז אויך געקומען בּסוֹד זײַן פרײַנד יוֹנָתָן און האָט איהם אַן עֵצָה געגעבען, ער זאָל נאָך ווײַטער אנטלויפען, און נישט ארײַנפאלען אין די הענד פון די נאָכיאָגער, וואָס שָׁאוּל האָט ארויסגעשיקט. די פרײַנד האָבען זיך ווארים צוזעגענט, זיך צוקושט און לאנג געוויינט.

דָוִד איז אנטלאָפען קײַן נֹבֶה, די כֹּהֲנִים-שטאָדט, וואו עס האָט זיך געפונען דער צײַטווײַליגער מְקוֹם-מִקְדָשׁ. דער כֹּהֵן-גָדוֹל אַחִימֶלֶךְ און אלע כֹּהֲנִים האָבען איהם פרײַנדליך בּעגעגענט און איהם געגעבען ברויט און אויך דעם שווערד פון גָלְיַת הַפְּלִשְׁתִּי. אָבער אז שָׁאוּל האָט זיך דערוואוסט, האָט ער נאָכגעיאָגט דָוִד'ן סאמע בּיז נֹבֶה, און דער אמאָליגער שטילער און רוהיגער שאוּל האָט די גאנצע שטאָדט חָרוּב געמאכט. לאנג האָט שָׁאוּל איהם געיאָגט, און ווען דָוִד האָט זיך בּעזעצט אין מִדְבָּר אין א הייל, וואו ארום איהם האָבען זיך פערזאמעלט א סך בּעדריקטע און פערבּיטערטע לײַט, וואָס האָבען איהם אויסגעוועהלט פאר זייער עלטסטען, האָט זיך שָׁאוּל אויך נישט געקאָנט בּערוהיגען און האָט איהם אלץ

נאָכגעיאָגט, ביז ער איז איינמאָל אַרײַנגעפאַלען אין דָוִד׳ס הענד. זײַנע מענשען האָבען איהם געהייסען טויטען, אָבער דָוִד האָט געזאָגט: „אויף דעם געזאַלבטען וועל איך מײַן האַנד נישט אויפהויבען”. אָבער אַז דָוִד איז אַריבער די גרענעץ פון די פְּלִשְׁתִּים, האָט שָׁאוּל אויפגעהערט נאָכצו־יאָגען דָוִד׳ן.

פראגען: וואָס האָבען די יודישע שבטים געזונגען, ווען דָוִד האָט זיך צוריקגעקעהרט פון מִלְחָמָה? — ווי אזוי האָט עס געווירקט אויף שָׁאוּל׳ן? ווי האָט ער זיך בעציהען צו דָוִד׳ן? — וואָס האָט דָוִד געטהאָן? — וואוהין איז ער אַנטלאָפען צולעצט? — וואָס האָט דָוִד געזאָגט, ווען שָׁאוּל איז אַרײַנגעפאַלען צו איהם אין די הענד? —

---

22. שָׁאוּל׳ס לעצטע מִלְחָמָה.

ווען די פְּלִשְׁתִּים האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער העלדישער יונגער דָוִד האָט פערלאָזען דאָס יודישע לאַנד און אַז דער יודישער מֶלֶךְ איז פערנומען מיט זײַנע אייגענע צָרוֹת, זענען זיי געקומען מיט א גרויסען חַיִל, אָבצונעהמען צוריק יענע שטעדט, וואָס דָוִד האָט בײַ זיי פריהער צוגענומען.

אין דעראָזיגער צײַט איז שוין דער אַלטער נָבִיא געוועזען טויט און שָׁאוּל, א דערשראָקענער, א קראנקער און א נידערגעשלאָגענער, האָט נישט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדען נאָך א עצה־וואָרט. ווען ער האָט דערזעהן די שטאַרקע מַחֲנֶה פון די פְּלִשְׁתִּים, האָט דערזעלבער שָׁאוּל, וואָס האָט פריהער אויסגעראָטען אַלע צויבערינס, מְכַשְּׁפוֹת און מְכַשְּׁפִים, זיך איצט געווענדט צו א צויבערין, זי זאָל איהם פאָרזאָגען דעם אויסגאַנג פון דער מִלְחָמָה. אין תַּנַ״ךְ ווערט דערצעהלט, אַז אין א פינסטערער נאַכט איז שָׁאוּל אַרײַן צו א צויבערין אַנ׳איבערגעקליידעטער, כְּדֵי די מְכַשֵּׁפָה זאָל נישט דערקענען דעם יודישען מֶלֶךְ, און האָט זי געבעטען, זי איהם אַרויסרופען שמואֵל׳ס גײַסט. די מְכַשֵּׁפָה האָט אַזוי געטהאָן און שָׁאוּל האָט דערהערט שרעקליכע

ווערטער: „גאָט האָט זיך שוין לאַנג אָבגעקעהרט פון דיר און איז דײַן פײַנד געוואָרען — האָט דער גײַסט געזאָגט. — ער האָט ארויסגע־ריסען די מלוכה פון דײַן האַנד און האָט זי אָבגעגעבען דָוִד'ן. דיך מיט דעם גאַנצען חַיִל גיט ער איבער אין די הענד פון די פלִשתּים, און מאָרגען וועסטו און דײַנע זיהן זײַן מיט מיר".

אָהן כּחות איז שָאוּל אויף דער ערד אנידערגעפאלען, דערנאָך איז ער, א פערצווייפעלטער און א דערשלאָגענער, אין דער מַחֲנֶה געקומען. און אז די מִלחָמָה האָט זיך צופלאַקערט אויף מאָרגען, האָט דער אמאָליגער העלד שוין מעהר נישט געקאָנט בעגײַסטערן זײַנע גִבּוֹרים און טויזענדערווײַז זענען זיי געפאלען פאר די פלִשתּים. די איבעריגע זענען זיך צולאָפען. אין דער שרעקליכער מִלחָמָה איז אויך אומגעקומען דער העלדישער יוֹנָתָן און שָאוּל'ס נאָך צוויי זיהן: אֲבִינָדָב און מַלְכִּישׁוּעַ. און ווען שָאוּל, אליין א פערוואונדעטער, האָט דערזעהן די גרויסע מַפָּלָה פון זײַן חַיִל, האָט ער געזאָגט צו זײַן וואָפענטרעגער: ציה־ארויס דײַן שווערד און דערשטעך מיך, כּדי איך זאָל נישט ארײַנפאלען אין דעם פײַנדס האַנד. דער וואָפענטרעגער אָבער האָט נישט געוואָלט אויפהויבען זײַן האַנד אויף דעם געליבטען מֶלֶך, און שָאוּל אליין האָט זיך געוואָרפען אויף זײַן שווערד און זיך געטויט.

אז די פלִשתּים האָבען געפונען שָאוּל'ס טויטען קערפער, האָבען זיי איהם אויפגעהאנגען אויף דעם מויער פון זייער שטאָדט בֵּית־שְׁאָן. דערפון האָבען זיך דערוואוסט די אײַנוואוינער פון יָבֵשׁ־גִלְעָד, וואָס שָאוּל האָט זיי אמאָל געהאָלפען געגען די עַמוֹנים, זענען זיי בײַנאכט געקומען, אראָבגענומען דעם קערפער און איהם בעגראָבען אין יָבֵשׁ, און זיבען טעג האָבען זיי בעוויינט זייער אמאָליגען בעפרײַער.

די טרויעריגע בּשוֹרָה איז אויך אָנגעקומען צום פערטריבענעם דָוִד'ן. עטליכע טעג נאָכאנאַנד האָט ער געטרויערט, נישט געגעסען און נישט געטרונקען. ווי דער תּנ"ך דערצעהלט, האָט דָוִד בעוויינט דעם טויט פון די העלדען אין א ריהרענדיגען ליד: „דו שענהײַט, אָ, ישׂרָאֵל, ליגט אויף דײַנע הויכע בערג דערשלאָגען! ווי זענען עס געפאלען די גִבּוֹרים! דערצעהלט עס נישט אין די גאסען פון גַת, און איהר זאָלט עס אויך נישט מְבַשֵׂר־זײַן אין אַשקלוֹן, כּדי די טעכטער פון די פלִשתּים

זאָלען זיך נישט פרעהען. בערג גִלְבֹּעַ! זאָל אויף איַיך נישט פאלען קיַין טוי און קיַין רעגען, און זאָלען איַיך נישט בעדעקען קיַין פרוכטבארע פעלדער! וואָרום דאָרט איז פערשמוצט געוואָרען דער פאנצער פון די העלדען. אָ, איהר טעכטער פון יִשְׂרָאֵל! וויינט אויף שָׁאוּל'ן, וואָס ער פלעגט איַיך אָנקליידען מיט רויט־געפארבטע קליי־דער און פלעגט זיי אויספוצען אין גאָלד.

פראגען: פארוואָס האָבען די פְּלִשְׁתִּים פערפיהרט די לעצטע מִלְחָמָה מיט שָׁאוּל'ן? — מיט וואָס האָט זיך געענדיגט דיזאָזיגע מִלְחָמָה? — ווי אזוי איז שָׁאוּל געשטאָרבען? — און ווערכער שטאָדט האָט מען איהם געבראכט צו דער קְבוּרָה? —

23 דָוִד'ס מְלוּכָה.

(1015 — 1055 יאָהר פאר דער נייער ערא).

דָוִד האָט זיך אומגעקעהרט צוריק קיַין חֶברוֹן. די זְקֵנִים פון שֵׁבֶט יְהוּדָה האָבען איהם אויפגענומען פאר א מֶלֶךְ. ביַי די איבעריגע שְׁבָטִים אָבער האָט שָׁאוּל'ס קריגספיהרער אַבְנֵר געמאכט פאר א מֶלֶךְ שָׁאוּל'ס זוהן — אִישׁבֹּשֶׁת. אָבער אִישׁבֹּשֶׁת איז נישט געווען פעהיג צו פיהרען די מְלוּכָה און אַבְנֵר האָט שוין אויך געטראכט איבערצוגעבען די מְלוּכָה דעם פעהיגען און דעם אלעמען בעליבטען דָוִד'ן. אָבער אז אַבְנֵר איז געקומען צו דָוִד'ן קיַין חֶברוֹן, האָט איהם יוֹאָב, דָוִד'ס קריגספיהרער, געטויט, וויַיל ער האָט אמאָל דער'הרג'עט זיַינעם א ברודער.

די פעראייניגונג פונ'ם גאנצען יודישען פאָלק אונטער דער הערשאפט פון דָוִד'ן איז דאָך זעהר שנעל דורכגעפיהרט געוואָרען. אין א קורצער ציַיט ארום איז אויך אִישׁבֹּשֶׁת דער'הרג'עט געוואָרען. דעמאָלט זענען די עלטסטע פון אלע שְׁבָטִים געקומען צו דָוִד'ן קיַין חֶברוֹן און איהם געזאלבט פאר א מֶלֶךְ איבער'ן גאנצען פאָלק.

דוד ווערט געזאלבט פאר א מלך.

שמואל און שָאול — ביידע האָבען געהאט א שטארקע ווירקונג אויפ'ן לעבען פון פאָלק. דרייסטער און ענערגישער איז דאָס פאָלק געוואָרען, אוו עס האָט פערשטאנען, אז נאָר אין איינינקייט וועט עס בעקעמפען זיינע פיינד און אויסבעסערן זיין עקאנאָמישע לאגע צווישען די ארומיגע פעלקער.

דָוִד האָט דיזאָזיגע ווירקונג אויסגענוצט און ער האָט זיך קֹדֶם־כֹּל געסטארעט צו מאכען אונטערטעניג די־יעניגע פעלקער, וואָס זענען פערבליבען אין די גרענעצען פון די יודישע נַחֲלָאות. ער האָט איינגענומען די שטארקע פעסטונג צִיוֹן און די שטאָדט יְרוּשָלַיִם פון דעם כְּנַעֲנ'ישען שֵבֶט יְבוּסִים, וואָס די יודען האָבען איהם פריהער נישט געקאָנט מְנַצֵחַ־זיין.

מיט גרויס פֿאראד און שִמְחָה האָט מען אין יְרוּשָלַיִם אריינגעפיהרט דעם אָרון און דאָ האָט אויך דָוִד געמאכט זיין רעזידענץ־

שטאָדט, וואו דער מֶלֶך פון צוֹר האָט פאר איהם אויסגעבויט א גרויד סען פאלאץ פון צעדערבוימער. ירושָלַיִם איז געוואָרען די שענסטע און הייליגסטע פון אלע יודישע שטעדט, און ירושָלַיִם איז אייך געוואָרען דער זאמעלפונקט פון אלע יודען. אין יענער צייט האָט זיך ביי יודען אָנגעהויבען ענטוויקלען האנדעל און מִסחָר א דאנק דעם בונד, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען מיט חִירָם, דעם מֶלֶך פון צוֹר (פיניצינער).

פראגען: אין וועלכער שטאָדט האָט זיך דָוִד אומגעקעהרט נאָכ׳ן נִצָּחוֹן איבער די פְּלִשְׁתִּים? — וועלכער שֵׁבֶט האָט איהם פאלד געמאכט פאר א מֶלֶךְ? — ווען האָט אַבְנֵר געמאכט פאר א מֶלֶךְ? — פארוואָס איז דָוִד געוואָרען א מֶלֶךְ איבער׳ן גאנצען לאנד יִשְׂרָאֵל? — וואָסער שטאָדט האָט דָוִד געמאכט פאר זיין רעזידענץ־שטאָדט? — צו וועמען האָט זי פריהער געהערט? — מיט וועמען האָט דָוִד געשלאָסען אן אָפּמאך? —

---

24. דאָס בעפרייען זיך פון די פְּלִשְׁתִּים.

נאָך דעם גרויסען נִצָּחוֹן איבער שָׁאוּל׳ן, האָבען די פְּלִשְׁתִּים פערשטארקט און פערשפרייט זייער הערשאפט איבער די יודען, אָבער אז זיי האָבען דערהערט, אז דָוִד האָט זיך פערפעסטיגט אין זיין הויפטשטאָדט ירושָלַיִם, האָבען זיי זיך ווידער אריינגעריסען אין לאנד. דעמאָלט האָט זיי דָוִד ענטגילטיג צוקלאפט, אויף אייביג בעפרייט דאָס אייגענע לאנד און צוגענומען נאָך ביי זיי א שטיק ערד, און די מאכט פון די פְּלִשְׁתִּים איז איננאנצען געבראָכען געוואָרען.

דָוִד׳ס העלדישע ארמעע האָט אויך מִלְחָמָה געהאלטען מיט די פעלקער פון מִזְרַח־זייט יַרְדֵּן — מיט די עַמוֹנִים און מוֹאָבִים. זיי צו הילף זענען געקומען די ארמעען פון אֲרָם. די יודישע מַחֲנוֹת האָבען זיי פערטריבען און צוריבען און זענען ארייַן מיט טריאומף אין דַמֶּשֶׂק, די הויפטשטאָדט פון אֲרָם. אין די אלע מִלְחָמוֹת האָט זיך אויך שטארק בעטייליגט זיין שוועסטער׳ס זוהן, דער העלד יוֹאָב. ער האָט אויך איינגענומען די אֲדוֹמִים, ביים

טויטען ים. די אלע איינגענומענע לענדער זענען בעזעצט געוואָרען מיט דוד'ס פאָרשטעהער, וואָס האָבען אין זיין נאָמען אָנגעפיהרט מיט די ענינים פון לאנד.

דוד האָט געוואָלט בויען א בית־המקדש. אליין וואוינען אין פּאלאַצען און דער אָרון זאָל זיך געפינען אונטער א פאָרהאנג, האָט ער נישט געוואָלט. אָבער דער נביא נתן האָט איהם געזאָגט, אז צופיל בלוט האָט ער פערגאָסען אין די גרויסע מלחמות, און דעריבער קאָן ער נישט בויען דאָס הויז, וואָס פון איהם דארף ארויספליסען שלום און פרידען. האָט דוד מיט הכנעה אויסגעהערט דיזאָזיגע ווערטער און זיך אונטערגעגעבען.

פֿראַגען: וואָסער יודישער מלך האָט א סוף געמאכט מיט די פלשתים? — מיט וועלכע פעלקער האָט דוד נאָך מלחמה געהאַלטען? — ווי האָט געהייסען די הויפטשטאָדט פון ארם? — ווי האָט געהייסען דוד'ס פלימעניק? — וואָס פאר אַ'אָנטייל האָט ער גענומען אין דער מלחמה? — פאַרוואָס האָט דוד נישט געבויט קיין בית־המקדש?

---

25. דער קייזערליכער הויף.

אין זיין פערזענליכען לעבען האָט דוד, ווי אַלע מזרח־מלכים, זיך דערלויבט אביסעל לוקסוס: ער האָט געלעבט אין ירושלים אין א שענעם פּאלאַץ, וואָס די פיניציער האָבען אויסגעבויט, און האָט זיך ארומגערינגעלט מיט קלוגע לייט און יועצים. ער האָט אויך געהאט א סך פעלדער און וויינגערטנער און טשערעדעס שאָף. אין ד מלוכה־ענינים האָבען איהם מיטגעהאָלפען זיינע יועצים, שרייבער און סעקרעטארען. אין הויף האָבען זיך אויך געפונען צוויי נביאים: גד און נתן, מיט וועלכע דוד פלעגט זיך אָפט מישב־זיין. זיין עלטסטער זוהן האָט געהייסען אַמנון. פון זיינע איבעריגע זיהן זענען בעוואוסט אבשלום און אדוניהו, אָבער א מלך נאָך איהם איז געווען שלמה, פון זיין פרוי בת־שבע.

פאר דוד'ן האָט בת־שבע געהאט אַנ'אנדער מאן, אָבער דוד האָט זי צוגענומען ביי יענעם.

דאס פאָלק האָט געהאט גרויס פערדרוס דערפון און נתן הנביא.

וואָס האָט זיך שטענדיג געפונען אין דעם מֶלֶך'ס הויף, איז געקומען צו איהם און איהם דערצעהלט אזא מָשָׁל: צוויי מענשען זענען גע־זעסען אין איין שטאָדט, איינער אַ רייכער און דער אַנדערער אַן אָרי־מער. דער רייכער האָט געהאַט פיל שאָף און רינדער, אָבער דער אָרימאַן האָט פערמאָגט בלויז איין שעפּעלע. דאָס שעפּעלע האָט זיך ביי איהם געהאָדעוועט צוזאַמען מיט זיינע קינדער; פון זיין ברויט האָט עס געגעסען, פון זיין כּוס האָט עס געטרונקען און ער האָט עס אָבגעהיט, ווי אַן אייגען קינד.

איינמאָל איז געקומען צום רייכען אַ גאַסט. האָט מען בעדאַרפט דעם גאַסט מכבּד־זיין, אָבער דער נָגִיד האָט נישט געוואָלט מאַכען אַ געריכט פאַר איהם פון זיינע אייגענע שאָף און רינדער, האָט ער צוגענומען דעם אָרימענס איינציג שעפּעלע, געקוילעט עס און דערמיט מכבּד־געווען דעם גאַסט.

אויסגעהערט דעמדאָזיגען מָשָׁל, איז דָוִד זעהר אין כַּעַס געוואָרען און האָט געזאָגט: „דער מענש, וואָס האָט עס געטהאָן, פערדינט זיין טויט!“ דערמאָלט האָט דער נָבִיא אויסגעשריען: „דו אַליין ביזט דער־דאָזיגער מענש! איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ קעניג, מַצִיל־געווען דיך פון שָׁאוּל'ן און אָבגעגעבען דיר זיין מְלוּכָה; גאַנץ אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל און יְהוּדָה. אָבער דו האָסט צוגענומען אַ פרעמדע פרוי. פון דיין אייגען הויז וועט קומען אַ צָרָה אויף דיר — אַזוי זאָגט גאָט“.

דָוִד האָט באַלד מוֹדֶה־געווען אויף זיין גרויסען חֵטְא, און אין אַ זעלטע־נעם שִׁיר האָט ער אויסגעגאָסען פאַר גאָט זיין פערביטערט האַרץ.

דאָס פאָלק אָבער האָט עס איהם נאָך אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט מוֹחֵל־זיין. די נבוּאָה פון נָתָן־הַנָּבִיא איז מקוּיָם־געוואָרען: זיין זוהן אַבְשָׁלוֹם איז אופגעשטאַנען געגען פאָטער און אַ גרויסער טייל פון פאָלק האָט איהם אין חֶבְרוֹן אויפגענומען פאַר אַ מֶלֶך.

פראַגען: ווי האָט דָוִד געלעבט? — ווער איז געווען בַּת־שֶׁבַע? — ווי האָבען געהייסען דָוִד'ס נביאים, וואָס האָבען געלעבט אין זיין הויף? — וואָס פאַר אַ חֵטְא איז דָוִד בעגאַנגען? — ווי הייסען דָוִד'ס זיהן? — וואָס האָט איהם דער נָבִיא געזאָגט? — וואו איז אַבְשָׁלוֹם אויפגענומען געוואָרען פאַר אַ מֶלֶך? —

26 אבשלומ׳ס אויפשטאנד.

אנגעהויבען האט זיך אבשלומ׳ס אויפשטאנד דערמיט, וואס ער האט געטויט זיין עלטסטען ברודער - אמנון׳ען. ער האט אבער מורא-געהאט פאר זיין פאטערס צארן און איז אנטלאפען פון ירושלים. גאנצע דריי יאהר האט ער זיך ארומגעוואלגערט אין פרעמדע לענדער. דער מלך האט זיך לסוף בערוהיגט. אבשלומ׳ס גוטע פריינד האבען געבעטען פאר איהם און דוד האט איהם דערלויבט צו קומען קיין ירושלים.

אבשלום האט שוין לאנג פערטראכט צו פערכאפען דעם כסא-המלוכה. א גרויסער ליבהאבער פון כבוד, אנ׳ענערגישער און א שענער, מיט לאנגע געקרייזעלטע האהר, האט ער נושא-חן געווען ביים פאלק. אבשלום האט דאס אליין אויסגעניצט און אין דערשטיל אונטערגעהעצט דאס פאלק געגען פאטער. דאס פאלק האט זיך צוגעהערט צו זיינע שענע רייד, און איז אריבער אויף זיין צד. און דעמאלט, ווי עס איז שוין פריהער געזאגט געווארען, איז ער דורך א גרויסען טייל פון פאלק אויפגענומען געווארען אין חברון פאר א מלך.

אז די ידיעה וועגען אבשלומ׳ס אויפשטאנד איז דערגאנגען צו דוד׳ן, האט ער מיט זיינע געטריי׳ע גבורים פערלאזען ירושלים.

ארום אבשלומ׳ן האט זיך גיך צונויפגעזאמעלט א גרויסע מחנה, און ער איז באלד אריבער דעם טייך נאכצויאגען דעם מלך. אין די וועלדער פון אפרים האט זיך צופלאקערט א שלאכט צווישען דוד׳ס גבורים און אבשלומ׳ס מחנה. נאר פאר דער מלחמה האט דוד אנגעזאגט זיינע אנפיהרער יואב און אנדערע, זיי זאלען זיין אבגעהיט און נישט טויטען אבשלומ׳ן. יואב אבער האט דעם מלכ׳ס בעפעהל נישט געהערט. מיט זיינע גבורים האט ער צושלאגען און צויאגט אבשלומ׳ס מחנות. אבשלום אליין איז אנטלאפען געווארען, אבער לויפענדיג דורכ׳ן וואלד, האט ער פערטשעפעט זיינע לאנגע האהר אן א צווייג פון א בוים. דער אייזעל, אויף וועלכען ער האט געריטען, איז פון אונטער איהם אוועקגעלאפען, און ער איז געבליבען הענגען. אז יואב האט זיך דערוואוסט דערפון, איז ער געקומען און דערשטאכען אבשלומ׳ן. אבער אז דוד האט דערהערט פון אבשלומ׳ס טויט, האט ער זיך צעוויינט: „אבשלום, מיין זוהן, איך וואלט בעסער געשטארבען אנשטאט דיר!“ און דער נצחון איבער אבשלומ׳ן איז

איז נישט קײן נצחון געװען, נאָר א טרױער

דאָס פאָלק האָט אויך חרטה־געהאט װאָס עס האָט מורד־געװען געגען יענעם מלך, װאָס האָט זיי בעפרײַט פון די פּלשתּים און אנדערע פײַנדליכע פעלקער. דער שבט יהודה איז פריהער פון אלע געקומען צו דוד'ן, אריבערגעפיהרט דעם מלך איבער'ן ירדן און איהם בעזעצט אין גלגל. דאָ האָט איהם שוין בעגעגענט דאָס גאנצע פאָלק און מיט שמחה און געזאנג אריינגעפיהרט דעם מלך אין ירושלים אריין.

פראגען: מיט װאָס האָט זיך אנגעהויבען דער אויפשטאנד? — װאו'הין איז אבשלום אנטלאָפען? — װאָס האָט דוד געבעטען יואָב'ן? — װאָס איז געװען דער סוף מיט אבשלומ'ן? — װי האָט זיך דוד בעצויגען צו זײַן זוהנ'ס טויט? —

---

27. דוד אלס משורר.

דוד איז נישט בלויז געװען א גרויסער קריגער — ער איז אויך געװען א גרויסער משורר. אפילו אין דער אונרוהיגער צײַט פון מלחמות, און מרידות האָט ער נישט אויפגעהערט צו זינגען זײַנע געטליכע שירים, װאָס זענען איהם געװען די גרעסטע טרייסט אין לעבען.

און דאָס פאָלק, װאָס האָט ליב זײַנע אמת'ע העלדען, האָט דוד'ן ארומגערינגעלט מיט א סך לעגענדעס און צוגעשריבען איהם א סך מזמורים, װאָס גאָר אונבעװאוסטע משוררים האָבען בעשאפען. און נאָך ביז הײַנט װערען געשאפען לעגענדעס װעגען איהם דורך פערשידענע פאָלקסדיכטער.

די אגדה דערצעהלט, אז איבער דוד המלכ'ס בעט איז א הארפע געהאנגען און אלע האלבע נאכט פלעגט קומען א צפון־װינד און שטיל אריינבלאָזען אין דער הארפע און זי פלעגט אָנהויבען פון זיך אליין צו שפּילען. דעמאָלט פלעגט זיך דוד אויפהויבען פון בעט און פלעגט נעהמען לויבען גאָט און זינגען זײַנע געטליכע שירים און מזמורים ביז פריהמאָרגען. אָבגעזונגען זײַנע מזמורים, פלעגט דוד ארויסגעהן שפּאצירען אין פעלד, בײַ א טײַכעל. „רבונו של עולם — האָט ער איינמאָל שטאָלץ אויסגערופען — צי האָט דיר נאָך עמיצער אין דער װעלט, אויסער מיר, אזוי פיל לויב־לידער געזונגען?"

דוד'ס קאבעלע

— איך — האָט זיך פונ'ם טײַכעל דערהערט אַ קוואַקען פון אַ פראַש — נעהם זיך, דָוִד, נישט איבער. איך זינג פאר גאָט מעהר פון דיר.

דָוִד איז בעשײדענער געוואָרען און האָט אראָבגעלאָזט די אויגען.

אין דער פאָלקס-פאנטאזיע איז דָוִד נישט געשטאָרבען, נאָר אײַנגעשלאָפען.

פראגען: וואָס איז דָוִד געוועזן אויסער מֶלֶך? — וואָס ווערט דערצעהלט וועגען דָוִד'ס הארפע? — וואָס האָט איהם אײנמאָל די פראָש גע־ענטפערט? — ווי אזוי איז דָוִד געשטאָרבען לויט דער פאנטאזיע פון פאָלק? —

---

28. דָוִד'ס לעצטע יאָהרען.

אין די גרויסע זיגרײַכע מִלְחָמוֹת, וואָס דָוִד האָט געפיהרט, האָבען זיך די יודען בעקענט מיט נײַע פעלקער, ווי די פיניציע־און אנדערע. איצט, ווען דָוִד איז שוין אלט און מיד געווען, האָט דעם כִּסֵא־הַמַלְכוּת בעדארפט פערנעהמען א מענש מיט גרויסע פעהיגקײַטען און מיט א שטארקען גײַסט. אויף דער עלטער האָט שוין דָוִד די מְלוּכָה נישט גע

קאָנט פיהרען. אין הויף איז פאָרגעקומען א קאמף. נָתָן הַנָּבִיא און די אַלע בעסערע מענשען, וואָס זענען געשטאַנען נאָהנט צום הויף האָבען איינגעזעהן: אז פערנעהמען דָוִד'ס אָרט קאָן נאָר א רוהיגער און א בעדאַכטער מאַן. אזא מאַן איז, לויט זייער מיינונג, געווען ניט אֲדֹנִיָּהוּ, דָוִד'ס עלטערער זון, נאָר דער אויסערגעווערנליך פעהיגער און רוהיגער שְׁלֹמֹה. דעמאָלט האָט דער אַלטער דָוִד געהייסען, מען זאָל זאלבען שְׁלֹמֹה'ן פאר א מֶלֶךְ. דער יונגער מֶלֶךְ איז מיט גרויס הִתְפַּעֲלוּת אויפגענומען געוואָרען פון פאָלק. מען האָט איהם גע־פיהרט איבער דער שטאָדט און געשריען: „לעבען זאָל דער יונגער מֶלֶךְ!“ און דער העלדישער פאָטער האָט איהם געבענשט און אָנגעזאָגט, ער זאָל שטענדיג געהן מיט'ן אֱמֶת און זיך חַבֶר'ן מיט דער גערעכטיגקייט.

איניכען איז דער אַלטער דָוִד געשטאָרבען. פערציג יאָהר האָט ער געקעניגט. דעם יונגען שְׁלֹמֹה'ן איז באַלד אין אָנהויב אויסגעקומען צו דערשטיקען דעם אויפשטאַנד פון זיין עלטערן ברודער אֲדֹנִיָּהוּ. די אַלע אָנטיילנעהמער זענען בעשטראָפט געוואָרען און שְׁלֹמֹה האָט זיך זיכערער איינגעזעצט אויף זיין כִּסֵּא־הַמְלוּכָה.

פראגען. וואָס פאר א מֶלֶךְ האָט געדאַרפט פערנעהמען דָוִד'ס אָרט? — וואָס פאר א מֶלֶךְ האָט נָתָן הַנָּבִיא געוואָלט? — ווער איז געווען דער פאַסיגער מאַן אויף דָוִד'ס אָרט? — וויפיל יאָהר האָט דָוִד געקעניגט? — ווער איז געוואָרען מֶלֶךְ נאָך איהם? — וואָס פאר אַן אויפשטאַנד האָט דער נייער מֶלֶךְ דערשטיקט? —

---

29. פיניציע (צוֹר).

די מְלוּכָה **פיניציע**, מיט וועלכער יודען האָבען זיך בעקענט דורך דָוִד הַמֶּלֶךְ, איז געלעגען אין צָפוֹן־מַעֲרָב פון סיריען, ביי דעם ברעג פון מיטעל־ים, אין דעם באַרג־קייט **חֶרְמוֹן** און **כַּרְמֶל**: לאַנג 400 וויאָרסט און קוים 40 וויאָרסט די ברייט.

דער גאַנצער שֶׁטַח איז געווען בעדעקט מיט וואַסערן אָדער מיט

בערגלעך. דאָס איינציגע פערקעהר־מיטעל איז געווען דער ים. אָבער ער האָט נישט פעראייניגט, נאָר, פערקעהרט, פונאנדערגעטיילט די איינוואוינער. די שטעדט פון פיניציע האָבען קאָנקורירט צווישען איינאנדער אויף׳ן געביט פון מסחר.

דער קלימאט פון פיניציע איז געווען א מעסיגער, די טהאָלען און די בערג זענען געווען בעדעקט מיט אייביג־גרינע הדסים, קאַקטוס, אייל־בערטען, פיינען און טייטעלבוימער. אויף די בערג פון לבנון זענען גע־שטאנען שענע צעדערבוימער, וואָס פון זיי זענען איצט פערבליבען בלויז קליינע שרדים.

אין דעמדאָזיגען לאנד האָט דער מזל פערוואָרפען איינעם פון די סעמיטען־שטאמען—די פיניציער.

פון דער געשיכטע ווייסען מיר, אז קיין איינהייטליכע מלוכה איז פיניציע קיינמאָל נישט געווען. די גרעסערע שטעדט האָבען גע־הערשט איבער די קלענערע. פון די גרויסע שטעדט זענען בעוואוסט: צידון, צור, עכו און אנדערע. אין יעדער שטאָדט איז געווען א מלך, וואָס איז גלייכצייטיג אויך געווען דער גאָט. דער מלך האָט גע־האט ביז הונדערט יועצים.

פיניציע איז כמעט שטענדיג געווען אונטערגעוואָרפען די שטארקערע מלוכות. איהרע לאנד־עשירות האָבען צוגעצויגען צו זיך די מעכטיגע און גיריגע מזרח־מלוכות, ווי מצרים און בבל.

די רייכע וועלדער פון פיניציע זענען שטענדיג געווען א נעשמאקער ביסען פאר מצרים, וואָס איז געווען אָרים אין האָלץ־מאטעריאלען. אויסערדעם, האָט פיניציע צוגעשטעלט מצרים רייטוועגען, פערד, העל־פאנדביין און מעש. אין דוד׳ס צייטען האָט פיניציע דערגרייכט איהר העכסטען פונקט פון אויפבליהונג.

די פיניציער האָבען זיך דער ערשטע אוועקגעלאָזט איבער די ברייטע ים־וואסערן אין גרויסארטיגע שיפען, האָבען פערכאפט דעם גאנצען ים־מסחר און זענען געוואָרען די ליפעראנטען פאר אלע מזרח־מלוכות. זיי האָבען צוגעשטעלט: ווייץ, בראָנז, וועבשטאָפען, בשמים, בוימאייל, וויין, געבעקס, גאָלד, זילבער, קופער, וואָהל און דעס־גלייכען.



פיניצישע שיף

צוליב דעם פלעגען זיי זיך אויך אוועקלאָזען אין ווייטע יַם־נְסִיעוֹת. דידאָזיגע נְסִיעוֹת האָבען געפאָדערט גרויסע העלדישקייט, ווייל יעדער פרעמדער איז אמאָל פעררעכענט געווען פאר א שׂוֹנֵא. פונ־דעסטוועגען זענען זיי דורכגעפאָהרען שטיקער לאנד פון מִצְרַיִם ביז קאווקאז, און זענען אַפִילוּ אריינגעדרונגען אין בוכארא און טיבעט.

די פיניציער האָבען זיך אזוי איינגעלעבט מיט'ן יַם, אז זיי האָבען זיך געפיהלט שלעכט אויף דער יַבָּשָׁה. אויפ'ן יַם זענען זיי געווען דרייסט און מוטיג, ווי בַּעֲלֵי־הַבָּתִּים.

שפּעטער האָבען אַפילו די גריכען בעוואונדערט זייערע שיפֿען, זייערע מאַטראָזען און זייער דיסציפּלין. דעם פּאָלאַר־שטערען, וואָס האָט די פֿיניציער געוויזען בײַנאַכט דעם וועג, האָבען די גריכען א נאָמען געגעבען פֿיניציער־שטערען.

פֿראַגען: וואו איז געלעגען דאָס מלוכה׳לע פֿיניציע? — די געאָגראַפֿישע לאַגע פֿון פֿיניציע? — פֿון וואַנען שטאַמען די פֿיניציער? — וואָסערע שטעדט זענען בעוואוסט פֿון דער אַמאָליגער פֿיניציע? — מיט וואָס האָבען זיי זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט? — מיט וואָס האָבען זיי געהאַנדעלט? —

---

30. די פֿיניצישע אֱמוּנָה.

די אֱמוּנָה פֿון די פֿיניציער איז געווען אַנ׳אַלגעמיינ־ס עמיטישע. זי איז געווען מעהר בעאײַנפֿלוסט פֿון די בָּבֶל׳ער. זייער גאָט האָט געהייסען בַּעַל. ער איז געווען דער גאָט פֿון הימעל, רעגען און שטורמס. די פֿיניציער האָבען אויך פֿערגעטערט שטיינער, בוימער און בערג. די כֹּהֲנִים האָבען געשפּילט בײַ זיי א גרויסע ראָל.

פֿיניצערער געטען

מאַנכע מִנְהָגִים זייערע זענען געווען גרויזאַמע. זיי פֿלעגען, א שטייגער, מַקְרִיב־זײַן צום בַּעַל מענשען און נעבערענט אַפילו קליינע קינדער.

זיי האָבען אויך געגלויבט, אז די נְשָׁמָה שטאַרבט נישט אָב צוזאַמען מיט׳ן גוף. זיי פֿלעגען אויך, ווי די מִצְרַיִם, זאָרגען דערויף, אז דער גוף זאָל נישט כְּלָה־ווערען און פֿלעגען באַלזאַמירען זייערע מְלָכִים, זיי פֿלעגען אויך בויען פּיראַמידען און

מיטגעבען די טויטע אין קֶבֶר אַרײַן כְּלִי־זַיִין, עסען א. אז. וו.

אויפ'ן געביט פון קולטור האָבען די פיניציער אליין כִּמְעַט גאָר־נישט אויפגעטהאָן. זיי האָבען בלויז שלעכט נאָכגעמאכט דאָס אלץ, וואָס זיי האָבען געזעהן אין די קולטורעלע מִזְרַח־מלוכות, ווי: מִצְרַיִם, בָּבֶל און אַשּׁוּר. דעריבער איז אין דער געשיכטע גאָרנישט פערבליבען פון זיי. איין פערדינסט האָבען זיי יאָ געהאַט: אלס פערמיטלער, סוחרים, האָבען זיי בעקאַנט געמאכט פעלקער מיט פעלקער. זיי האָבען פערמיטעלט צווישען מִזְרָח און מַעֲרָב. די פיניצישע יַם־סוחרים האָבען דערנעהנט דעם אלטען מִזְרָח מיט'ן יונגען מַעֲרָב און דערין ליגט זייערע היסטאָרישע בעדייַטונג.

פראגען: אין וואָס איז בעשטאַנען די פעניצישע אֶמוּנָה? — ווי האָט גע־הייסען זייער גאָט? — וואָס פאַר אַ מִנְהָגִים האָבען זיי גע־האַט? — ווי פלעגען זיי מְקַבֵּר־זײַן אַ מֶלֶךְ? — וואָס פאַר אַ פערדינסטען האָבען זיי געהאַט פאַר'ן מִזְרָח און מַעֲרָב? —

---

31. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ.

(1015—977 פאַר אונזער ערא).

פינפאונצוואַנציג יאָהר איז שלמה אלט געווען, ווען ער האָט אי־בערגענומען די מלוכָה. א גרויסע פעסטע יודישע מלוכָה האָט ער איבערגענומען — פונ'ם טײַך פְּרָת ביז דער גרעניץ פון מִצְרַיִם. שלמה איז אָבער נישט געווען קיין קריגסמאַן, נאָר א רוהיגער און קלוגער מענש, און ער האָט זיך איצט זעהר געפאַסט אלס מֶלֶךְ פאַר'ן פאָלק, וואָס האָט זיך אַזוי גענויטיגט אין פרידליכער ארבייט, אין רוהיגער מְלָאכָה און מִסְחָר.

אין תַּנַ"ךְ ווערט דערצעהלט, אַז שְׁלֹמֹה האָט געבעטען בײַ גאָט, ער זאָל איהם שענקען א קלוג און פערשטענדיג הארץ, ער זאָל קאָנען מִשְׁפָּט'ן זײַן פאָלק מיט יוֹשֶׁר און זאָל קאָנען אונטערשיידען צווישען גוטס און שלעכטס. זײַן בַּקָּשָׁה איז דערפילט געוואָרען.

שְׁלֹמֹה איז געווען איינער פון די סאַמע קלוגסטע מענשען,

זענען אמאָל געווען אויף דער ערד. און עד־היום ווערט ער געהאַלטען אלס מוסטער פון שׂכל נישט בלויז ביי יודען, נאָר אויך ביי נישט־יודען. זײַנע ווערטער און געדאנקען לעבען נאָך איצט אין פאָלק, זיי ווייסען נישט פון אלטקייט און וועלען נאָך אייביג לעבען.

שלמה המלך

שלמה האָט נישט געפיהרט קיין מלחמות, ווי זיין פאָטער און דאָס פאָלק האָט באמת רוהיג געלעבט. די ארומיגע קליינע פעלקער, ווי אדומים און עמונים, זענען געווען אונטערטעניג דעם יודישען פאָלק און האָבען געצאָהלט מס. מיט די שכני'שע פרייע פעלקער האָבען די יודען געשלאָסען האנדעלס־טראקטאטען, מיט פיניציע, מצרים, ארם און דמשק זענען די יודען געשטאנען אין האנדעלס־פערקעהר: די יודען אלס ערדארבייטער האָבען ארויסגעפיהרט צו זיי דעם איבערפלוס פון תבואות און פרות, און פון דידאָזיגע פעלקער האָבען יודען בעקומען האָלץ צום בויען, פערד, רייטוועגען א. ד. גל.

ארץ־ישׂראל איז דעמאָלט געווען דער איינציגער האנדעלסוועג, איבער וועלכען עס זענען געגאנגען קאראוואנען מיט סחורות. ביים גרויסען האנדעלס־טראקט האָבען זיך געפונען בעקוועמע שפייכלערס און סקלאדעס, ווי אויך גרויסע איינפאָהרהייזער פאר סוחרים און סחורות.

צוזאמען מיט די פיניציער האבען די יודען געפיהרט אויך מסחר אויפ'ן ים. פיניצישע און יודישע ים־רייזענדער האבען זיך אוועקגעלאזט אויף שיפען אינ'ם וואונדערלאנד אופיר (אינדיען אדער דרום־אראביען) און האבען געבראכט פון דארטען טייערע מעטאלען, העלפאנדביין, בשמים און קאסטבארע חפצים. די יודען האבען זיך, אלזא, נאהנט פערבונדען דורך מסחר מיט די קולטורעלע פעלקער פון אזיען און אפריקא. שלמה האט זיך מיט זיי אויך מתחתן געווען: איינע פון זיינע פרויען איז געווען פרעה'ס א טאכטער.

פראגען: וויפיל איז שלמה אלט געווען, ווען ער איז געווארען מלך? — ווי גרויס איז פאר איהם געווען די יודישע מלוכה? — מיט וואס פאר א אייגענשאפטען האט זיך שלמה אויסגעצייכענט? — וואס האט ער געבעטען ביי גאט? — ווי האבען יודען געלעבט פאר שלמה'ן? — מיט וואס פאר א פעלקער זענען יודען געשטאנען אין האנדעלס־פערקעהר? —

32. דאס בויען דעם בית־המקדש.

אין א קורצער צייט ארום האט שלמה אנגעהויבען פערווירקליכען זיין פאטערס געדאנק — אויסבויען א בית־מקדש, א צענטראל פארקס־הויז, צו פעראייניגען אלע שבטים צוזאמען, אז יעדער שבט זאל נישט בעדארפען בעזונדער מקריב־זיין קרבנות צו גאט.

זיבען יאהר איז געבויט געווארען דער פרעכטיגער בנין. הונדערט אכציגטויזענד ארבייטער: בויער, בוימהאקער, האלץ־און שטיין־ארבייטער, שניצער, קריצער און מאלער האבען זיך בעשעפטיגט ביי דערדאזיגער ארבייט.

דער מלך פון פיניציע האט געגעבען פון די לבנון־וועלדער געהילץ פאר'ן בנין.

אז די גראנדיעזע ארבייט איז געענדיגט געווארען, זענען זיך צוזאמענגעקומען אין ירושלים אלע זקנים פון פאלק און די עלטסטע פון די שבטים, און דאס פאלק אליין איז געקומען. די כהנים האבען געטראגען דעם ארון מיט די לוחות פון ציון, וואו ער איז געשטא־

ען אין דָוִד'ס צ ען, און האָבען איהם אריינגעשטעלט אין דער הייליגסטער אָבטיילונג פונ'ם בֵּית־הַמִקְדָש.

שלמה האָט אָנגעהויבען די גרויסע פאָלקס־שִׂמְחָה מיט א וואונדערשענער תְּפִלָה. אין דער אָזיגער תְּפִלָה האָט ער ארויסגעזאָגט דעם געדאנק, אז ער האָט נישט געמיינט צו מאכען דעם בית־הַמִקְדָש פאר גאָטס וואוינונג. ווארום נישט נאָר דאָס הויז — אפילו ערד און הימעל



הימעל קאָנען נישט אויפהאלטען זיין גרויסקייט און שלמה האָט געבעטען צו גאָט, ער זאָל אויפנעהמען זיין תּפלה און זיינע אויגען זאָלען שטענ־דיג זיין געווענדט צו דעמדאָזיגען הויז, ער זאָל פערנעהמען די תּפלות, וואָס וועלען זיך צו איהם טראָגען פון דעם אָרט. אויב עס וועט קומען איינער מיט א צוּבראָכען הארץ, אָדער עס וועט, חלילה, אויסברעכען אַנ׳אונגליק, ווי א מלחמה, אָדער א הונגער און דאָס פאָלק וועט קומען תּפלה־טהאָן אין דעם הויז, זאָל ער פערנעהמען זייערע תּפילות. און אַפילו צו דער תּפילה פון פרעמדען, וואָס איז נישט פון פאָלק ישראל און וואָס וועט קומען אהער פון א וויַיטען לאנד מתפלל־זיין, זאָל ער זיך אויך צוהערען.

נאָך דער תּפלה האָבען די כּהנים געבראכט קרבּנות און די לויִם האָבען געזונגען און כּלי־זמר האָבען געשפּילט. זיבען טעג האָט זיך דאָס פאָלק געפרעהט. אויפ׳ן אכטען טאָג האָט מען זיך גע־לאָזט צוריק אהיים און זיך גענומען צו דער אלטעגליכער ארבייט.

פראגען: וואָס פאר א געדאנק האָט שלמה פערווירקליכט? — וואָס האָט דער בית־המקדש בעדארפט זיין? — וויפיל יאָהר איז ער געבויט געוואָרען? וויפיל ארבייטער האָבען איהם געבויט? — וואָס האָט שלמה געבעטען צו גאָט?

---

33. שלמה׳ס חכמה.

(לעגענדע).

איינער איז אמאָל געגאנגען אין פעלד און געטראָגען אַ קרוג מילך. בעגעגענט איהם גראָד א דורשטיגע שלאנג און בעט א טרונק.

פרעגט ער זי:

„וואָס וועסטו מיר בעצאָהלען פאר׳ן מילך?”

זאָגט זי:

„איך וועל דיר ווייזען אנ׳אוצר.”

האָט זיך די שלאנג אָנגעטרונקען און זיך דערנאָך אָנגערופען צום מענשען: „בויג זיך אָן און הייב־אויף אָט דעם שטיין, וועסטו אונטען

געפינען דעם אוצר״.

ווי דער מענש האָט אזוי געטהאָן, איז די שלאנג כּהֶרֶף־עַיִן ארויס־געקראָכען אויף איהם און זיך ארומגעוויקעלט ארום זיין האלז.

שרייט דער מענש:

„וואָס טהוסטו?״

ענטפערט די שלאנג:

„דערפאר וואָס דו ווילסט צונעהמען מיין גאנץ פערמעגען, וויל איך דיך דערשטיקען״.

דעמאָלט זענען זיי אוועק צו שלמה׳ן זיך לאָדען.

זאָגט שלמה צו דער שלאנג:

„קֹדֶם קריך אראָב פון האלז! וויבאלד דו קומסט צום בֵּית־דִין, בעדארפסטו נישט זיין מעהר תּקִיף פון איהם״.

האָט די שלאנג געפאָלגט.

„איצט, — זאָגט ש׳מה, — לאָמיר הערען דיינע טענות.״

זאָגט די שלאנג:

„איך האָב רעכט דערויף: גאָט אליין האָט מיר געהייסען: זאָלסט בייסען דעם מענשענס טריט״.

„אויב אזוי, — זאָגט שלמה צום מענשען — האָט דיר גאָט אויך בעפוילען, „צוזעץ איהר דעם קאָפּ״.

האָט דער מענש אַזוי געטהאָן.

דעריבער זאָגט דאָס שפּריכוואָרט:

„דער בעסטער שלאנג — צופּלעט דעם קאָפּ״.

איינמאָל איז אין ירושלים געקומען מיט אַ גרויסע סוויטע די מַלכַּת־שְׁבָא. געווען איז זי אַ הערשערין איבער אַ מלוכה אין רום־אראביען. אַ סך האָט זי געהערט פון דעם לאנד ישׂרָאֵל און פון שלמה׳ס קלוגשאפט. האָט זי געוואָלט מיט די אייגענע אויגען זעהן, צי אלץ איז אֶמֶת. שלמה האָט זי אויפגענומען מיט גרויס כָּבוד. די מַלכָּה האָט איהם געפרעגט אַ סך רעטענישען, און שלמה האָט געגעבען אויף זיי געהעריגע תּשובות.

זי האָט, צום ביישפּיל, געפרעגט:

„וואָס איז דאָס?

פון דער ערד קריכט עס ארויס,

ווי וואסער גיסט עס זיך אויס,

און פּילט־אָן דאָס גאנצע הויז?״

שלמה האָט געענטפערט: נאפט.

פרעגט זי איהם נאָך אַ רעטעניש:
„וואָס איז דאָס?
ווי עס גיט א בלאָז א ווינד,
בויגט ער איין דעם קאָפּ געשווינד,
און יאָמערט מיט א קלאָג.
פאר רייכע — אַ פּוץ, פאר אָרימע — א נוץ,
פאר לעבעדיגע—א סוף, פאר טויטע — א שטראָף;
פאר פויגעל—אַ פרייד, פאר פיש — א פלאָג.“
און שלמה האָט געענטפערט: ל ייַ ן.
וויל זי אים נאָך אויספּרובען, פרעגט זי ווידעראמאָל:
— דערקען, וואָסערע פון די קינדער, וואָס איך האָב דיר געשיקט, זענען יונגליך און וואָסערע מיידלעך?
האָט שלמה געשיקט ברענגען ניס מיט געברענטע זאנגען און אַ וואָרף געטהאָן פאר זיי. דעמאָלט האָבען די יונגליך אויפגעהויבען די פּאָלעס, און די מיידלעך, וואָס זענען פון נאטור שעמעוודיג — האָבען אויסגעשטרעקט די קאָפּטיכלעך.
האָט שלמה אָנגעוויזען און געטראָפען.
דעמאָלט האָט די מַלכָּה-שבאָ זיך אָנגערופען:
„איצט זעה איך מיט מיינע אויגען, ווי גרויס דיין חָכמָה איז“.

פראגען: וואָס איז געווען דער מִשפָּט מיט דער שלאנג? — וואָס איז געווען דער ערשטער רעטעניש? — וואָס איז געווען דער צווייטער רעטעניש? — ווי אזוי האָט שלמה דערקאָנט די יונגלעך און די מיידלעך? —

---

34. שלמה'ס פּאלאַץ.

אז דער בֵּית-הַמִקדָש איז פארטיג געוואָרען, האָט מען אָנגעהויבען בויען אַ פּאלאַץ פאר'ן מֶלֶך. פיניציער ארבייטער האָבען געבויט דעם פּאלאַץ נישט וויַיט פון בֵּית-הַמִקדָש. בעשטאנען איז דער פּאלאַץ פון עטליכע בִּנְיָנִים, וואָס זענען געווען צוזאמענגעשלאָסען. צו דעם פּאלאַץ האָט געהערט א בוימער-אַלעע, וואָס האָט געהייסען: דער ל ב נ ו ן-וואלד. אין דעם מִשפָּט-זאַל איז, ווי די אַגָדָה דערצעהלט, געשטאנען דער כִּסֵא-שלמה, וואָס איז געמאכט געוואָרען פון העלפאנדביין, בע-

צווינגען מיט גאָלד און בעזעצט מיט פילפארבינגע טייערע שטיינער און און פערל. זעקס טרעפ האָט ער געהאַט. אויף דער ערשטער טרעפ איז געשטאנען א גאָלדענער לייב, קעגען איהם — א גאָלדענער אָקס; אויף דער צווייטער טרעפ — א גאָלדענער וואָלף, קעגען איהם — אַ שאָף; אויף דער דריטער — א לעמפּערט, קעגען איהם — א ציג; אויף דער פערטער — א בער, קעגען איהם — א הירש; אויף דער פינפטער — אנ'אָדלער, קעגען איהם א טויב; אויף דער זעקסטער — א שפּארבער, — קעגען — א שפּערלינג. פיראונצוואנציג גאָלדענע ווייַנשטאָקען זענען געשטאנען פוןביידע זייַטען און בעדעקט דעם מֶלֶך מיט זייער שאָטען. ארום שטול זענען אויך געשטאנען טויטעלבוימער, און אויף זייערע בלעטערקרוינען האָבען זיך ארומגעוויגט פּאוועס פון העלפאנדביין, אינעווענינג אויסגעהוילט און אָנגעפילט מיט פערשידענע בשָׂמִים.

אין שטוהל איז געלעגען צונויפגעוויקעלט א זילבערנע שלאנג, און בשעת עס זענען געקומען פאלשע עֵדוּת, האָט זיך באלד די שלאנג פונאנדערגעוויקעלט און אלע חַיוֹת האָבען זיך תֵּיכֶף־וּמִיַּד בעוועגט: די אָקסען האָבען גענומען מוקען, די לייבען — ברילען, די לעמפּערטען — שרייַען, די וועלף — הַוִלען, די שעפסען — בלעקען, די ציגען — מעקען, די בערען — ברומען, די הירשען — הירזשען, די טויבען — וואָרקען, די שפּארבער — קראקען, די שפּערלינגען — פּיפּסען, די פּאוועס — לויפען און די אָדלער — פליהען. דעמאָלט פלעגט די עֵדוּת בעפאלען א פַּחַד און זיי פלעגען זאָגען דעם אֱמֶת. אין דעמדאָזיגען זאל האָט שלמה המלך צו־זאמען מיט די זְקֵנִים גע'מִשְׁפָּט פערשידענע עִנְיָנִים פון פּריוואטע מענ־שען און אויך אָנגענומען שְׁלוּחִים פון פרעמדע לענדער.

אויסער דעם בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ און דעם מֶלֶכ'ס פּאלאץ, זענען אויך גע־בויט געוואָרען אין ירושָׁלַיִם א סַך שענע בִּנְיָנִים, וואָס האָבען געהערט צו עֲשִׁירִים. די רוהיגע שטאָדט יְרוּשָׁלַיִם איז אזויארום געוואָרען א בעליבטע און א שענע רעזידענצשטאָדט.

אין די צייַטען פון די גרויסע יָמִים־טוֹבִים, ווי: פֶּסַח, שָׁבוּעוֹת און סֻכּוֹת פלעגען קומען קיין ירוּשָׁלַיִם גרויסע מַחֲנוֹת פון די פּראָווינץ־שטעדט און יִשׁוּבִים. זיי פלעגען דאָ מִשְׁפָּחוֹת'וויַיז פערברענגען די היילינגע טעג פון יום־טוֹב און די גאנצע שטאָדט פלעגט אָנגעפילט ווערען מיט שִׂמְחָה און געזאנג.

קֶבֶר יִרוּשָׁלַיִם פלעגען אויך עפטער קומען רייזענדער און סוחרים פון אויסלאנד. זיי פלעגען מאכען געשעפטען מיט יודען און פלעגען בעוואונדערן די שענקייט און רייץ פון דער יודישער רעזידענצשטאָדט.

פראגען: ווי האָט אויסגעזעהן דער בֵּית־הַמִקְדָשׁ אינווענינ? — וואָס פאר א מיטעל האָט שלמה געהאט צו די פאלשע עֵדוּת־זאָגער? וואָס פאר א ראָל האָט ירושלים געשפילט ביי יודען.

דאָס פאָלק איז נישט צופרידען.

נישט־געקוקט דערויף, וואָס די הויפּטשטאָדט איז אלץ רייכער און גרעסער געוואָרען, איז אָבער דאָס פאָלק אלץ מעהר פעראָרימט געוואָרען. די גרויסע פּרעכטיגע בִּנְיָנִים פון מלך און די רייכע אויפנעהמונג פון געסט און שְׁלוּחִים האָט געקאָסט א סך פראצע דעם פאָלק.

די גאנצע בעפעלקערונג, וואָס האָט בעארבייט די ערד, האָט בעדארפט צושטעלען פערשידענע שפייזען פאר דער גרויסער פאמיליע פון מֶלֶךְ (טויזענד פרויען האָט שלמה געהאט). דער קייזערליכער הויף האָט איינגעשלונגען די בעסטע פֵּרוֹת פון לאנד.

שלמה האָט צוטיילט דאָס לאנד אויף צוועלף געביטען און יעדער געביט האָט בעדארפט אויסהאלטען דעם מֶלֶכְ׳ס הויף איין חדש אין יאָהר. יעדער געביט האָט געהאט דעם מֶלֶכְ׳ס א פערטרעטער, וואָס האָט אויפגעמאָהנט די גרויסע שטייערן און אָבצאָהלונגען. דיזאָזיגע שטייערן און אָבצאָהלונגען זענען אָבער וואָס וויטער אלץ גרעסער און גרעסער געוואָרען און דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען ארויסווייזען אונצופרידענקייט מיט׳ן מֶלֶךְ. אֶמֶת, א קליין הייפעל מענשען זענען רייך געוואָרען פון די גרויסע מִסְחָרִים, אָבער דאָס האָט זעהר ווייניג געענדערט דעם גרויסען דַלוּת און עלענד. אויסערדעם, האָבען דעם מֶלֶכְ׳ס פרויען, טעכטער פון פרעמדע פעלקער, איינגעפיהרט אין לאנד געצענדינערייַ. זיי האָבען געבויט טעמפלען פאר זייערע אָבגעטער, און דער מֶלֶךְ אליין פלעגט אָפט נעהמען אנ׳אָנטייל אין זייערע פייערונגען. דאָס האָט זיך באלד שלעכט אָבגערופען אויף די מדות פון פאָלק, און די בעסערע גייסטער האָבען דערין איינגעזעהן א

גרויסע סכנה. זיי האָבען מורא־געהאַט, אז אינ׳ם לאנד וועט זיך אזוי־ארום פערשפרייטען די געצענדינעריי, וואָס געגען איהר האָבען מיט אזוי־פיל מסירת־נפש געקעמפט די בעסטע מענשען פון פאָלק.

די נביאים האָבען געהאַט גענוג מוט צו שטראָפען דעם מלך און האָבען איהם פאָרגעזאָגט, אַז ביי אזא מין פיהרונג מוז אונטער־געהן די מלוכה. שלעכטע סימנים פון צופאלונג האָבען זיך שוין געלאָזט מערקען.

איינער פון דעם מלכ׳ס בעאמטע מיט׳ן נאָמען ירבעם, א זוהן פון נבט (פון שבט אפרים), האָט גערופען צו אנ׳אויפשטאנד דעם אונצופרידע־נעם שבט אפרים. אין תנ״ך ווערט דערצעהלט, אז בשעת ירבעם איז איינמאָל געגאנגען אין פעלד, האָט איהם בעגעגענט דער נביא אחיה השלוני. דער נביא האָט אָנגעכאפּט ירבעמ׳ס מאנטעל און האָט איהם צוריסען אויף צוועלף שטיקער און דערביי האָט ער אזוי געזאָגט: „נעהם זיך צעהן שטיקער, ווייל צעהן שבטים וועלען זיך אָבריַיסען פון שלמה׳ן און וועלען דיך אויסקלייבען פאר א מלך. בלויז איין שבט וועט בלייבען טריי דעם מלך“.

דידאָזיגע ווערטער האָבען ירבעמ׳ן דרייסטער געמאכט און איני־גיכען איז אויסגעבראָכען דער אויפשטאנד. שלמה האָט געשיקט א טייל פון זיין חיל איינצושטילען דעם אויפשטאנד. דעמאָלט איז ירבעם אנטלאָ־פען קיין מצרים און זיך דאָרט אויפגעהאַלטען ביז שלמה׳ס טויט.

פראגען: פארוואָס איז דאס פאָלק אין שלמה׳ס צייטען פעראָרימט געוואָרען? — אין וויפיל געביטען האָט שלמה צוטיילט דאָס לאנד? — וואָס פאר א פליכט איז ארויפגעלעגט געוואָרען אויף יעדען געביט? וואָס האָט ירבעם געוואָלט? — ווי הייסט דער נביא, וואָס האָט איהם בעגעגענט אין פעלד? וואָס האָט ער איהם געזאָגט? —

---

35. שלמה דער דיכטער.

שלמה׳ס פּאָעטישע ווערק.

דאָס פאָלק האָט צוגעשריבען שלמה׳ן א סך ווערק, אזוי, צום ביישפּיל,

איז אָנגענומען בײַם פאָלק, אז שלמה איז דער מחבּר פון „קֹהֶלֶת", „מִשלֵי" און „שיר־השירים". אין „קֹהֶלֶת" דריקט־אוים דער מחבּר דעם געדאנק, אז אלע תּענוגים פון דער וועלט זענען גאָרנישט ווערט, און אז דעם מענשענס לעבען איז קורץ. אין דעמדאָזיגען קורצען און נישטיגען לעבען איז פאַרהאַן נאָר איין זאך א מַמָשות'דיגע: טהאָן גוטס, זײַן גוט צו מענשען.

אין דעם צווייטען בוך „מִשלֵי" זענען פאַרהאַן א סך גוטע אָנווײַזונגען און עֵצות, ווי אזוי מען בעדאַרף לעבען אויף דער וועלט, ווי אזוי מען בעדאַרף דערציהען קינדער א. אז. וו.

„מײַן זוהן — ווערט געזאָגט אין „מִשלֵי" וועגען פוילער, — פערגעהם מײַן חָכמה און נויג צו דײַן אויער צו מײַן פערשטאַנד. געה צו דער מוראַשקע, דו פוילער, און זעה איהר פיהרונג און ווער קלוג. זי האָט קײַן האר און קײַן נעוועלטיגער און קײַן אויפזעהער איבּער זיך, דאָך גרייט זי אָן זומער איהר בּרויט, און זאמעלט־אײַן אין דער שניט־צײַט איהר שפּײַז. ווי לאנג וועסטו, פוילער, ליגען? ווען וועסטו אויפשטעהן פון דײַן שלאָף? נאָך א ביסעל שלאָף און נאָך א ביסעל דרעמלען און נאָך א ביסעל צו־זאמענלעגען די הענד אויפ'ן געלעגער.

אז דו וועסט אזוי לעבען, וועט פּלוצלונג אָנקומען די אָרימקײַט אויף דיר.

מײַן זוהן, היט די מִצות פון דײַן פאָטער, און פערלאָז נישט די תּוֹרה פון דײַן מוטער. דו זאָלסט זיי בּעשטענדיג אָנבּינדען אויף דײַן האַרץ, און בּינד זיי אויך אָן אויף דײַן האלז. אז דו וועסט זײַן אויף די פיס, וועלען זיי דיך פיהרען, אז דו וועסט דיך לעגען, וועלען זיי דיך בּע־שירמען, און אז דו וועסט אויפוואכען, וועלען זיי מיט דיר ריידען. וואָרום די מִצוָה איז א לאָמפּ און די תּוֹרה איז א ליכט".

אין „שִׁיר־הַשִּׁירִים" ווערט בּעזונגען די שענהײַט פון דער נאטור און דער רייץ פון דער יוגענד. „שטעה־אויף, מײַן פרײַנדין — ווערט דאָרט געזאָגט — זעה, דער ווינטער איז אוועק, די רעגענס פערשווינדען און אויף דער ערד ווײַזען זיך שוין בּלומען. די צײַט פון פויגעלגעזאנג איז גע־קומען. איבּער'ן לאנד לאָזט זיך שוין הערען די שטים פון טירקעלטויב.

דער פײַגענבוים בליהט, די ווײַנשטאָקען גיבען־ארויס זייער רֵיחַ. שטעה אויף, מײַן שענע פרײַנדין, און קום־ארויס".

פראגען: וואָסערע ווערק ווערען צוגעשריבען שלמה'ן? — וואָס פאר א געדאנק ווערט אויסגעדריקט אין „קֹהֶלֶת?" — וואָס ווערט געזאָגט אין „מִשְׁלֵי?" — וואָס ווערט בעזונגען אין „שִׁיר הַשִּׁירִים?" —

---

36. די צופאלונג פון דער מלוּכָה.

כּמעט נאָך פערציג יאָהר מֶמְשָׁלָה איז שלמה געשטאָרבען. לויט'ן געזעץ איז געוואָרען מֶלֶךְ זײַן זוהן רְחַבְעָם. די אלע אומרעכטען, וואָס זענען אין שלמה'ס צײַטען געטהאָן געוואָרען דעם פאָלק: די גרויסע שטײַערן און אָבצאָהלונגען און די שווערע ארבײַטען זענען איצט ענטפלעקט געוואָרען, און מען האָט אָפען גערעדט וועגען דעם.

און אז די טרײַע שְׁבָטִים פון דָוִד'ס דינאסטיע האָבען זיך פערזאמעלט אין דער שטאָט שְׁכֶם צו זאלבען רחַבְעָם'ן פאר א מֶלֶךְ, איז שוין אהין אויך געקומען יָרָבְעָם, וואָס האָט גערופען צו אַן'אויפשטאנד געגען רחַבְעָם'ן. צעהן שְׁבָטִים האָבען אויסגעקליבען יָרָבְעָם'ן, ער זאָל שטעהן בראש פון די שְׁלוּחִים צו דעם נײַעם מֶלֶךְ רחַבְעָם.

און די שְׁלוּחִים האָבען רחַבְעָם'ן אזוי געזאָגט:

„דײַן פאָטער האָט אונז נאָך בעשווערט דעם יאָך. אָבער דו מאך אונז לײַכטער, וועלען מיר דיר דינען".

רחַבְעָם האָט די שְׁלוּחִים אויסגעהערט און זיי געהייסען קומען אין דרײַ טעג ארום נאָך אַן'ענטפער. דער מֶלֶךְ האָט זיך בעראטען מיט זײַן פאָטערס אלטע יוֹעֲצִים, און זיי האָבען געזאָגט: „רייד מיט'ן פאָלק גוטע, ווייכע רייד, גיב זיי דאָסמאָל נאָך, וועלען זיי דיר זײַן געטרײַ און וועלען זײַן דײַנע קנעכט דאָס גאנצע לעבען".

האָט רחַבְעָם אָבער אָבגעוואָרפען דיזאָזיגע עֵצָה, און ער האָט זיך בעסער בעראטען מיט זײַנע יונגע לײַכטזיניגע חֲבֵרִים, וואָס זענען מיט איהם אויפגעוואקסען און די, ווידער, האָבען איהם אזוי געזאָגט: „זאָג דעםדאָזיגען פאָלק: „מײַן קלענסטער פינגער איז דיקער פון מײַן פאָטערס

רענדען. מײַן פֿאָטער האָט אויף אײַך ארויפגעלעגט א שווערען יאָך, און איך וועל איהם נאָך שווערער מאכען; מײַן פֿאָטער האָט אײַך געשטראָפֿט מיט ריטער און איך וועל אײַך שטראָפֿען מיט דערנער".

און ווען דאָס פֿאָלק איז אין דרײַ טעג ארום געקומען מיט זײַנע שלוחים נאָך אנ׳ענטפֿער, האָט ער זיי געענטפֿערט אזוי, ווי זײַנע יונגע חברים האָבען איהם געראטען.

יָרָבְעָם און א גרויסער טייל פֿון פֿאָלק האָבען אויסגעקוקט אויף אזא ענטפֿער. זיי האָבען דעמאָלט אויסגערופֿען: „וואָס פֿאר א חֵלֶק האָבען מיר אין דָוִד׳ן? מיר האָבען נישט קײַן ירושָה אין יִשַׁי׳ס זוהן! צו דײַנע געצעלטען, יִשְׂרָאֵל!" און דאָס פֿאָלק איז זיך באלד פֿונאנדערגעגאנגען.

האָט רְחַבְעָם געשיקט צו זיי א בעאמטען — אֲבִירָם׳ן, ער זאָל זיי איבערבעטען און נאָכגעבען, האָט מען איהם מיט שטיינער פֿערוואָרפֿען און געטויט. דעמאָלט האָט רחבעם פֿערשטאנען, אז איצט איז שוין פֿאר איהם אליין אויך א סַכָּנָה צו פֿערבלײַבען לענגער אין שְׁכֶם. איז ער ארויף אויף זײַן רײַטוואָגען און אנטלאָפֿען קײַן ירושָׁלַיִם. באלד דערויף האָבען זיך צעהן שְׁבָטִים אָבגעטיילט און געמאכט פֿאר א מֶלֶךְ יָרָבְעָם׳ן, דעם זוהן פֿון נְבָט. די נײַע מלוּכָה האָט זיך אָנגערופֿען מלוּכַת־יִשְׂרָאֵל (אָדער מלוּכַת־אֶפְרַיִם). נאָר צוויי שְׁבָטִים (יהוּדָה און בִּנְיָמִין) זענען געבליבען טרײַ רְחַבְעָם׳ן און בֵּית־דָוִד, און יענע מלוּכָה האָט געהייסען מלוּכַת־יהוּדָה.

רְחַבְעָם האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אָבזאָגען פֿון די צעהן שְׁבָטִים. או ער איז געקומען קײַן ירושָׁלַיִם, האָט ער פֿערשטאנען, אז ער האָט איצט א קליין שוואך מלוּכָה׳לע. האָט ער צונויפֿגעזאמעלט א חַיִל פֿון הונדערט אכציגטויזענד מאן, און געוואָלט געהן מִלְחָמָה האלטען מיט זײַנע אייגענע ברידער.

אָבער דער נָבִיא שְׁמַעְיָה האָט געזאָגט צום מֶלֶךְ און צום פֿאָלק: „איהר זאָלט נישט ארויסגעהן, און איהר זאָלט נישט מִלְחָמָה האלטען מיט אײַערע ברידער, די בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל; קעהרט אײַך אום צוריק איטליכער צו זײַן הויז, ווײַל די גאנצע זאך איז פֿון גאָט געקומען". דאָס פֿאָלק און דער מֶלֶךְ האָבען געפֿאָלגט און זיך אומגעקעהרט יעדער צו זײַן הויז. אזוי, ארום איז די גרויסע יודישע מלוּכָה צופֿאלען אויף צוויי בעזונדערע מלוכות:

א קלענערע - יהודה, די צווייטע א גרעסערע — מלוכת־ישראל. צווישען איינאנדער האָבען זיי זיך געפיהרט ווי צוויי שכנ'ישע פיינדליכע מלוכות, און שפּעטער פלעגען פאָרקומען קלענערע אָדער גרעסערע צוזאמענשטויסען צווישען זיי.

פראגען: וויפיעל יאָהר איז שלמה געווען מלך? — ווער איז געוואָרען מלך נאָך שלמה'ן? — וואָס האָבען געזאָגט די שלוחים צו רחבעמ'ן? — וואָס האָט ער זיי געענטפערט? — וואָסערע שבטים האָבען גע־מאכט ירבעמ'ן פאר א מלך? ווי האָט געהייסען זיין מלוכה? — וואָסערע שבטים זענען געבליבען טריי רחבעמ'ן? — ווי האָט גע־הייסען זיין מלוכה? — ווי האָבען ביידע מלוכות געלעבט צווישען איינאנדער? —

---

37. די מלכות־ישראל אין דער צייט פון ערשטען מלך ירבעם.

(977—820 פאר דער נייער ערא).

נאָכדעם ווי שלמה'ס מלוכה איז צוטיילט געוואָרען אויף צוויי בעזונדערע מלוכות, איז שטארק געפאלען די אחדות פון פאָלק. די יודען זענען אזוי ווי צוטיילט געוואָרען אויף צוויי בעזונדערע פעלקער — ישראל און יהודה. די צעהן שבטים פון צפון, וואָס האָבען גע־בילדעט די מלוכת־ישראל, האָבען זיך אלץ מעהר און מעהר אָבגעזונדערט פון די שבטים אין דרום — יהודה און בנימין (מלוכת־יהודה). ירבעם, דער מלך פון ישראל, האָט אָנגעווענדט אלע מיטלען צו פערשטארקען די שנאה צווישען די צוויי מלוכות. ער האָט אויך גאָרנישט געפרובט צו בע־פעסטיגען זיין אייגענע מלוכה, מאכען זי קולטורעלער, ענטוויקלען דעם מסחר און די ארבייט, אָבהיטען דאָס פאָלק פון געצענדינעריי און בע־שיצען עס פון זיינע שונאים. נאָר איין געדאנק האָט ער געהאט: בלייבען דאָס גאנצע לעבען ביים טראָהן און דאָס פאָלק זאָל איהם טריי זיין.

אָבער צוויי כּחות האָבען דאָך נישט דערלאָזט, אז דאָס פאָלק זאָל אינגאנצען צוריסען ווערען דורך שׂנאָה און האס. דאָס איז געווען די גרויסע צוגעבונדענקייט פון פאָלק צו די מלָכים פון בית־דָוִד און די גרויסע ליבע צום בית־המִקדָש.

אָבער יָרָבעָם האָט שוין דעם ערשטען כּח אָבגעשוואכט און איצט האָט ער אוועקגעלעגט זיין גאנצע ענערגיע דערויף, אָבצושוואכען אויך דעם צווייטען כּח — פערדארבען ביי יודען די ליבע צום בית־המִקדָש, און זיי זאָלען נאָרנישט קומען קיין ירושָלַיִם.

יָרָבעָמ׳ס הויפטשטאָדט איז געווען שכֶם, (אין אֶפרַיִמ׳ס געביט). ער האָט מוֹרָא־געהאט, אז דאָס פאָלק וועט אויף יום־טוב ווידער ציהען קיין ירושָלַיִם, און דאָס וועט אין זיי דערוועקען די אלטע גוטע געפיהלען צו די מלָכִים פון בית־דָוִד. דעריבער האָט ער זיך בענוצט מיט דעם טונקעלען בּענעהר פון הַמוֹן, וואָס האָט שטענדיג געוואָלט האָבען א גאָט אין א ווירקליכער געשטאלט, און האָט געהייסען אָבגיסען צוויי גאָלדענע קעלבער און האָט זיי אוועקגעשטעלט אין בֵּית־אֵל (אין דָרוֹם־זייט פון לאנד יִשׂרָאֵל) און אין דָן (אין צָפוֹן־זייט). ער האָט אויך געמאכט א גרויסען יום־טוב און דאָס פאָלק, וואָס איז געווען לָהוט נאָך פער־ווײלונגען און יום־טובים, האָט זיך פערזאמעלט און יָרָבעָם האָט אליין געבראכט קָרבָּנוֹת, אָנשטאָט די כּהֲנִים און לְוִיִם, וואָס זענען אוועק קיין ירושָלַיִם. און יָרָבעָם האָט אויסגערופען: „איהר זאָלט מעהר נישט געהן קיין ירושָלַיִם. זעה, יִשׂרָאֵל, דאָס זענען דיינע געטער, וואָס האָבען דיך ארויסגעפיהרט פון מִצרַיִם.”

און אזוי האָט כּמעט דאָס גאנצע פאָלק געזונקען אין געצענדינעריי.

יָרָבעָם האָט אויך געשלאָסען שָלום מיט די שׂוֹנאִים פון מלוּכַת־יהוּדָה, מיט מִצרַיִם א. ד. גל.

זיין אויפפיהרונג האָט ארויסגערופען גרוים צאָרן ביי די נבִיאִים און ביי אנדערע בעוואוסטזיניגע מענשען פון פאָלק. זיי האָבען איהם פאָרגעזאָגט, אז זיין הערשאפט וועט לאנג נישט דויערן און אז די מלוּכָה וועט זיך לאנג נישט האלטען אין זיין מִשפָּחָה.

דאָך איז יָרָבעָם געווען מֶלֶך צווייאונצוואנציג יאָהר, און עד־היוֹם דינט ער ביי יודען אלס צייכען פון שלעכטס און זינד.

נאָך הײַנט זאָגט מען אויף אַ זינדיגען שלעכטען מענשען: „ער איז אַ יָרָבְעָם בֶּן נְבָט!“

פראגען: פאַרוואָס איז געפאַלען די אחדות פון פאָלק? — פון וועלכע שבָטִים איז בעשטאנען די מְלוּכַת־יִשְׂרָאֵל און פון וועלכע די מְלוּכַת־יְהוּדָה? — וואָס האָט יָרָבְעָם געטהאָן אלס מֶלֶךְ? — וואָסערע כּחות האָבען נישט דערלאָזט, אז דאָס פאָלק זאָל אינגאנצען צוריסען ווערען? — וואָס פאַר מיטלען האָט יָרָבְעָם אָנגענומען געגען דעם? — ווי האָט געהייסען זײַן רעזידענץ־שטאָדט? — ווי האָבען יידען געלעבט פאַר יָרָבְעָמ׳ן? — וויפיל יאָהר איז ער געווען מֶלֶךְ? — ווי ווערט ער הײַנט בעצייכענט בײַ יודען?

---

38. רְחַבְעָמ׳ס הערשאפט און זײַן יוֹרֵשׁ.

די שכֵנִישע פעלקער האָבען באלד בעמערקט, אז בײַם יודישען פאָלק איז געפאלען די אַחדות. אין דָוִד׳ס צײַטען זענען זיי ארונטערגעפאלען אונטער דער יודישער הערשאפט. איצט האָבען זיי זיך אינגאנצען בעפרײַט. צווישען יְהוּדָה און יִשְׂרָאֵל זענען פאָרגעקומען קליינע מִלְחָמוֹת. אין פינפטען יאָהר פון רְחַבְעָמ׳ס הערשאפט האָט זיך דער מֶלֶךְ פון מִצְרַיִם ארײַנגעריסען קײַן יְהוּדָה מיט אַ גרויסען חַיִל. ער האָט אײַנגענומען אַ סַך שטעדט און איז ארײַנגעדרונגען אין יְרוּשָׁלַיִם.

דער דורשטיגער שִׁישַׁק, דער מֶלֶךְ פון מִצְרַיִם, האָט צוגענומען דאָס גאנצע גאָלד און זילבער פון די פאָלקס־אוֹצָרוֹת, וואָס האָבען זיך געפונען אין בֵּית־הַמִקְדָשׁ און אין דעם מֶלֶכ׳ס אוצרות און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין זײַן לאַנד. דאָס פאָלק איז פעראָרימט געוואָרען, די מְלוּכָה איז שוואך געוואָרען. אָבער אויך דאָס אומגליק האָט נישט געבראכט צו אַ שָׁלוֹם צווישען יְהוּדָה און יִשְׂרָאֵל. און פאַר דער גאנצער צײַט פון רְחַבְעָמ׳ס הערשאפט זענען פאָרגעקומען צוזאמענשטויסען צווישען אײנאנדער. געהערשט האָט רְחַבְעָם זיבעצעהן יאָהר.

נאָך זײַן טויט איז געוואָרען מֶלֶךְ זײַן זוהן אֲבִיָּם. ער האָט זיך נישט אויסגעצייכענט מיט גרויסע מַעלוֹת און פעהיגקײַטען. פאַר

דער צײַט פון זײַן הערשאפט איז פאָרגעקומען א גרויסע מִלְחָמָה צווישען מלוּכַת־יהוּדָה און יִשְׂרָאֵל. א סַך פון די בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל זענען געפאלען אין דערדאָזיגער מִלְחָמָה און מאנכע שטעדט זענען אריבער פון מלוּכַת־יִשְׂרָאֵל צו מלוּכַת־יהוּדָה.

איינגענטליך זענען די גאנצע דרײַ יאָהר, וואָס אֲבִיָם האָט גע־הערשט, אוועק אין שטענדיגע מִלְחָמוֹת צווישען מלוּכַת־יִשְׂרָאֵל און מלוּכַת־יהוּדָה. די מלוּכַת־יהוּדָה איז נאָכמעהר אָבגעשוואכט געוואָרען, אָבער דאָס אינערליכע לעבען האָט זיך אזוי ווי נישט פערענדערט. רוהיג און אָהן בלוט־פערגיסונג איז, צולעצט, איבערגעגאנגען דער מלוּכָה־שטוהל פון פאָטער צום זוהן אָסָא.

פראגען: וואָסער מֶלֶךְ האָט זיך אריַינגעריסען קיַין יהוּדָה? — וואָס האָט ער געטהאָן? — ווי האָט אויסגעזעהן די מלוּכָה פאר רְחַבְעָם׳ס צײַטען? — וויפיל יאָהר האָט רְחַבְעָם געהערשט? — ווער איז געוואָרען מֶלֶךְ נאָך איהם? — ווי האָט אויסגעזעהן די מלוּכָה פאָך אֲבִיָם׳ן? — ווער איז געוואָרען מֶלֶךְ נאָך אֲבִיָם׳ן? —

---

39. אָסָא.

אָסָא, דער דריטער מֶלֶךְ פון יהוּדָה, וואָס איז געווען ענערגיש און פעהיג, האָט אויך דאָס גאנצע לעבען געפיהרט מִלְחָמוֹת מיט מלוּכַת־יִשְׂרָאֵל און מיט די כּוּשִׁים, וואָס האָבען אָנגעגריפען יהוּדָה מיט א גרויסען חַיִל. נאָך א לענגערע צײַט פון מלחמה זענען זיי בעזיגט געוואָרען.

אין אָסָא׳ס צײַטען האָט זיך דאָס פאָלק אויפגעהויבען סײַ עקאָנאָמיש און סײַ גײַסטיג. מען האָט אָנגעהויבען בעסער צו בעארבײַטען די ערד און דאָס לאנד ווערט אויך בעסער אָבגערייניגט פון געצענדינסט, וואָס איז שטארק פערשפרייט געווען פון פריהער.

אין די לעצטע יאָהרען פון זײַן הערשאפט איז אויך פאָרגעקומען א שווערע מִלְחָמָה צווישען מלוּכַת־יהוּדָה און מלוּכַת־יִשְׂרָאֵל: די מלוּכַת־

ישׂראל וואָס האָט אַלץ מעהר געזונקען אין דלות און געצעגדינעריי, האָט מיט שׂנאָה זיך צוגעקוקט צו די בעסערע אָרדנונגען פון איהר עלטערער שוועסטער מלוכת־יהודה, צולעצט, איז בַּ עְ שָׁ א, דער מלך פון ישׂראל אַריינגעדרונגען אינ׳ם לאַנד יהודה און האָט פערנומען אַ סך שטעדט. דעמאָלט האָט אָסָא, דער מלך פון יהודה, זיך געווענדט צום מלך פון אֲ רָ ם, ער זאָל איהם העלפען פון ישׂראל׳ס האַנד. פאַר אַ גרויסען שׂכר פון גאָלד און זילבער האָט דער מלך פון אֲרם גענומען אויף זיך די עבודה אַרויסצוטרייבען ישׂראל׳ס חילות פון יהודה׳ס לאַנד. אַזוי האָט זיך אַריינגעמישט אינ׳ם בירגערקריג אַ פְ רֶ עְ מ ד פאָלק, אַן אַלטער שונא פון ישׂראל. דער מלך פון אֲרם האָט צושלאָגען און פערטריבען די מחנות פון ישׂראל. די נביאים זענען אָבער נישט צופרידען געווען דערפון און האָבען דעם מלך אָסָא׳ן שטאַרק געשטראָפט דערפאַר. בעטען הילף ביי אַ שונא אין אַ קריג מיט איינענע ברידער האָט ער נישט געטאָרט, לויט זייער מיינונג.

אָסָא האָט געהערשט אֵ י ן אוּ נ פ עֶ ר צִ י ג יאָהר.

פראַגען. דער וויפילטער מלך פון יהודה איז געווען אָסָא? — מיט וואָסערע מלוכות האָט ער מלחמה־געהאַלטען? — ווי האָט געלעבט דאָס פאָלק אין זיינע צייטען? — וואָסער מלך האָט זיך אַריינגעריסען אין זיין לאַנד? — ביי וועמען האָט ער געבעטען הילף? — וויפיל יאָהר איז ער געווען מלך? —

40. די מלוכה פון די צעהן שבטים נאָך ירבעם׳ן.

נאָך ירבעם׳ן איז געוואָרען מלך זיין זוהן נ ד ב. דאָס איז געווען אַ צייט פון בונטען און גרויסע אונגליקען. דאָס פאָלק האָט קיין שום אַכטונג נישט געהאַט צום מלך, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען געצייטערט פאַר זיין מלוכה־שטוהל.

נדב איז געווען מלך בלויז צוויי יאָהר. אין דער מלחמה מיט די פלשתים האָט זיין קנעכט מיט׳ן נאָמען בַּ עְ שָׁ א, אַ זוהן

פון אַחִיָה, אויפגעהויבען א מְרִידָה און געטויט דעם מֶלֶך. דאָס פאָלק האָט זיך בעצויגען גלײַכגילטיג צו דעם מאָרד פון מֶלֶך און די מלוּכָה האָט איבערגענומען דער אייגענער בַּעְשָׁא. פריהער אָבער האָט ער אויסגע׳הרג׳עט יָרָבְעָם׳ס גאנצע פאמיליע.

אין עטליכע יאָהר ארום איז דאָס אייגענע געשעהן מיט בַּעְשָׁא׳ן און זײַן פאמיליע. מען האָט זיי אויך דער׳הרג׳עט.

אין א מֶשֶך פון 25 יאָהר זענען געזעסען אויפ׳ן מלוּכָה־שטוהל גאנצע פיר מְלָכִים (נָדָב, בַּעְשָׁא, אֵלָה, זִמְרִי). זיי אַלע זע־נען געשטאָרבען מיט אנ׳אונגאטירליכען טויט. דאָס לאנד איז אָבגעשוואכט געוואָרען פון שטענדיגען בירגערקריג און דערמיט האָבען זיך בענוצט די מְלָכִים פון יהוּדָה און די שְׁכֵנִית׳דיגע פעל־קער, וואָס פלעגען מאכען עפטע אָנפאלען און אָברײַסען גאנצע שטיקער ערד און שטעדט.

די הויפטשטעדט פלעגען אויך עפטער איבערגעטראָגען ווערען, ווײַל די מְלָכִים האָבען שטענדיג געלעבט אין מוֹרָא פאר מְרִידוֹת און רְצִיחוֹת און פלעגען זוכען מעהר זיכערע ערטער, וואו זיך צו בעשיצען.

פראגען: ווער איז געוואָרען מֶלֶך נאָך יָרָבְעָמ׳ן? — וואָס איז דאָס געווען פאר א צײַט? — ווי האָט זיך דעמאָלט בעצויגען דאָס פאָלק צו זיינע מְלָכִים? — וויפיל מְלָכִים זענען געווען אינ׳ם מֶשֶך פון פינפאונצוואנציג יאָהר? — ווי האָבען זיי געהייסען? — פארוואָס פלעגען עפטער געביטען ווערען די הויפטשטעדט? —

---

41. עָמְרִי.

עָמְרִי, דער פינפטער מֶלֶך פון מַלְכוּת־יִשְׂרָאֵל, האָט פער־כאפט די מלוּכָה בײַ זִמְרִי׳ן און האָט אויפגעבויט נאָר א נײַע שטאָדט שֹׁמְרוֹן, לויט׳ן נאָמען פונ׳ם אייגענטימער שֶׁמֶר. די שטאָדט שֹׁמְרוֹן איז געשטאנען אויף א בעפעסטיגטען אָרט און איז אויף שטענדיג פערבליבען די הויפטשטאָדט פון מלוּכַת־יִשְׂרָאֵל. דעריבער הייסט אויך די מלוּכָה מלוּכַת־שֹׁמְרוֹן.

עָמְרִי האָט זיך בעמיהט ארײַנצוברענגען אָרדנונג אין דער

מְלוּכָה און האָט נישט געפיהרט קיין מִלְחָמוֹת מיט מלוּכַת־יהוּדָה. פערקעהרט, ער האָט פערשטאנען, אז דאָס קאָן ברענגען שאָדען ביי־דע מלוּכוֹת און געשלאָסען א שָׁלוֹם מיט'ן מֶלֶך פון יהוּדָה.

און דער איינענער צייט האָט ער אויך געשלאָסען שָׁלוֹם מיט'ן מלך פון פיניציע.

עָמְרי האָט אֲפילוּ חֲתוּנָה־געמאכט זיין זוהן אַחאָב'ן מיט דעם פיניצישען מֶלֶך'ס טאָכטער. דורך דעם בונד מיט דעם האנדעלספאָלק האָט ווידער אָנגעהויבען בליהען דער מִסְחָר אין לאנד. די פיניציער האָבען געמעגט האנדלען און וואוינען אין די יודישע שטעדט. זיי האָבען ענטוויקעלט דעם מִסְחָר און די אינדוסטריע. אָבער גלייכ־צייטיג האָבען זיי אריינגעבראכט אין לאנד זייער געצענדינעריי, ווילדע מִנְהָגִים און זיטען, און אָנשטאָט א פרידליך שטיל ערד־ארביי־טער־לעבען, האָבען יודען אָנגעהויבען פיהרען א סוֹחר'יש, רייך און איינגעלאסען לעבען. מען האָט אָנגעהויבען גלויבען אין'ם בַּעַל. וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין ווילדע העטליכע מִנְהָגִים.

עָמְרי האָט געפיהרט מִלְחָמוֹת מיט די מִזְרָח־שְׁבָטִים, מיט די מוֹאָבִים און האָט צוגענומען ביי זיי א סַך שטעדט. (די געשעהע־נישען פון דער מִלְחָמָה האָט מען נישט לאנג געפונען בעשריבען אויף א שטיין, וואָס הייסט מוֹשַׁע־שטיין, ווייל די מִלְחָמָה איז מיט הונדערט יאָהר פאר אונזער ערא געפיהרט געוואָרען געגען מֶלֶך מוֹשַׁע פון מוֹאָב). דעמאָלט האָבען די מוֹאָבִים געצאָלט מַס די בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל. אָבער אין עָמְרִי'ס צייטען איז אויך געפיהרט געוואָרען א שווע־רע מִלְחָמָה מיט'ן מֶלֶך בֶּן־הֲדַד פון אֲרָם אָדער דַמֶשֶׂק. די בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל האָבען נישט געקאָנט בייִשטעהן געגען די גרויסע חַיָלוֹת פון שׂוֹנֵא און האָבען געמוזט שליסען מיט איהם א נישט־בכבוֹד'יגען שָׁלוֹם.

עָמְרִי איז געשטאָרבען אין יאָהר 922 פאר אונזער ערא.

פראגען: דער וויפילטער מֶלֶך איז געווען עָמְרִי? — ביי וועמען האָט ער פערכאפט די מלוּכָה־מאכט? — וואָס פאר א שטאָדט האָט ער אויס־געבויט? — ווי הייסט זי? — מיט וועמען האָט עָמְרי געשלאָסען שָׁלוֹם? — מיט וועמען האָט ער חֲתוּנָה־געמאכט זיין זוהן אַחאָב'ן? — וואָס פאר א ווירקונג האָבען די פיניציער געהאט אויפ'ן לעבען פון די יו־דען? — מיט וועמען האָט עָמְרי געפיהרט מלחמות?

42. די שׁמרון־מלוּכָה אין אַחאָב׳ם צײַטען.

נאָך עָמרִי׳ן איז ארויף אויפ׳ן מלוּכָה־שטוהל זײַן זוהן אַחאָב. אין אַחאָב׳ס צײַטען איז די מלוּכָה פון שמרון, די פריהערדיגע מלוּכַת־יִשׂרָאֵל, דערגאנגען צו אנ׳אויסערגעוועהנליכער מַדרֵגָה פון עֲשִירוּת און גלאנץ. אָבער געלעבט האָט דאָס פאָלק א שלעכט און אויסגעלאסען לעבען. און בֵּעת אַחאָב האָט גענומען פאר א פרוי אִיזֶבֶל, די טאָכ־טער פון מֶלֶך צִידון, איז דאָס לאנד געזונקען אין געצענדינערײַ און אויסגעלאסענקײַט. אַחאָב אליין איז געווען א מענש א לײַכטזיניגער, אָהן א כאראקטער, און אִיזֶבֶל האָט אָנגעפיהרט מיט אלע מלוּכָה־עִניָנִים. אִיזֶבֶל האָט מיטגעבראכט פון צִידון הונדערט כֹּהֲנִים און פאלשע נבִיאִים, וואָס האָבען פערשפרייט אין פאָלק דעם גלויבען אין די צִידונ׳ישע אָבגעטער, ווי: בַּעַל, עַשתָּרוֹת און אנדערע. לְכָבוֹד די אָבגעטער זענען אויסגעבויט געוואָרען טעמפלען און מִזבְּחוֹת אין יעדער שטאָדט פון דער יודישער מלוּכָה. און ווען די בעסטע לײַט פון יִשׂרָאֵל זענען ארויס־געטראָטען מיט שטארקע ווערטער געגען דעם אונמאָראלישען און פאל־שען גלויבען, וואָס ווערט פערשפרייט אין פאָלק, האָט אִיזֶבֶל אָנגע־הויבען פיהרען א קאמף געגען זיי און האָט זיי אלעמען אומגעבראכט.

די אֱמֶת׳ע נבִיאִים, וואָס האָבען נישט געלאָזט פערפיהרען דאָס פאָלק און האָבען אָהן אנ׳אויפהער געוועקט אין איהם דעם ריינעם גלויבען פון זייערע עלטערן, האָט אִיזֶבֶל געהייסען טויטען, און כִּמעַט אלע זענען געטויט געוואָרען. בלויז די, וואָס זיי איז געלונגען אויסצובע־האלטען זיך אין היילען און בערג, אָדער גאָר פערלאָזען דאָס לאנד זענען נִצוֹל־געוואָרען פון א שענדליכען טויט.

פראגען: ווער איז געווען מֶלֶך נאָך עָמרִי׳ן? — ווי האָבען יודען געלעבט אין אַחאָב׳ס צײַטען? — ועמעס טאָכטער איז געווען אִיזֶבֶל? — ווי אזוי האָט די געווירקט אויפ׳ן לעבען פון פאָלק? — וואָס איז אַחאָב געווען פאר א מענש? — וואָס האָט אִיזֶבֶל געטהאָן מיט די בעסטע מענשען פון פאָלק? —

43. אֵלִיָהוּ הַנָבִיא.

אין דער צײַט ווען די שׁמרון־מלוּכָה האָט זיך געטרונקען אין בלוט און זינד, האָט זיך געוויזען אֵלִיָהוּ הַנָבִיא. פון דער שענער שטאָדט גִלְעָד איז ער געווען. איהם האָט נישט אָבגעשראָקען איזֶבֶל'ס רציחות און רְדיפוֹת. דאָ האָט ער זיך בעוויזען אין שׁמרוֹן און געשטראָפט דעם מֶלֶך, די פאַלשע נביאים און דאָס פאָלק; דאָ איז ער פערשוואונדען געוואָרען אין מִדבָר; דאָ האָט ער זיך ווידער בעוויזען אין שׁמרוֹן און האָט אויפסנײַ הויך און מוטיג געשטראָפט די אלע מעכטיגע זינדער. וואָס דאָס גאנצע לאנד האָט געציטערט פאר זיי. זײַן ארט לעבען און זײַן אויסזעהן האָט שטארק בעווענט די בעפעלקערונג. ער האָט געטראָגען לאנגע האָהר, איז געגאנגען אין א האָהריגען מאנטעל, פערגארטעלט מיט א פעלענעם גארטעל. ער האָט נישט געגעסען קײַן פלייש, קײַן ווײַן נישט געטרונקען — א נָזִיר איז ער געווען. אלע האָבען איהם געהאלטען פאר א הייליגען מאן און איהם אָבגעגעבען גרויס כָּבוֹד. די פאָלקס־לעגענדע דערצעהלט, אז בשַׁעת ער האָט געלעבט אין מִדבָר, האָבען קראָהען איהם געבראכט עסען אינדערפריה און בײַנאכט.

דער ערשטער סִכסוּך צווישען איהם און אַחאָב'ן איז אויסגעבראָכען צוליב א ווײַנגאָרטען נעבען דעם מֶלֶכ'ס פאלאץ. אין טאָל יִזרְעֶאל איז געשטאנען א ווײַנגאָרטען, וואָס האָט געהערט צו איינעם נָבוֹת. און דער מֶלֶך האָט געזאָגט צו נָבוֹת'ן: „גיב מיר דײַן ווײַנגאָרטען, ער איז נאָהנט פון מײַן הויז. דערפאר וועל איך דיר געבען אנ'אנדער גאָרטען, אָדער איך וועל דיר בעצאָהלען". נָבוֹת'ן אָבער איז זעהר טײַער געווען דער ווײַנגאָרטען, ווײַל ער האָט איהם בעקומען בִּירוּשָׁה פון זיינע עלטערן, האָט ער איהם נישט געוואָלט פערקויפען און נישט אויסבײַטען און ער האָט זיך אָנגערופען צום מֶלֶך: „חָלִילָה, איך קאָן דיר נישט אָבגעבען די ירוּשָׁה פון מײַנע עלטערן". האָט דער מֶלֶך פון גרויס גרימצאָרן נִשט געקאָנט עסען. דעמאָלט האָט איהם איזֶבֶל

געפרעגט: „וואָס טרויערט דער מֶלֶך?“ האָט איהר דער מֶלֶך דער־צעהלט פונ׳ם ווייַנגאָרטען און פון נָבוֹת׳ס עַקְשָׁנוּת. האָט אִיזֶבֶל גע־זאָגט: שטעה־אויף און עס ברויט, און זאָל דייַן הארץ פרעהליך זייַן! איך וועל שוין דיר געבען דעם ווייַנגאָרטען פון נָבוֹת׳ן.“ און אין נאָמען פון מֶלֶך האָט זי צושיקט בריף צו די זְקֵנִים און די הארען פון שטאָדט, מען זאָל מְשַׁפֵּט׳ן נָבוֹת׳ן, ווייַל ער האָט געשאָלטען גאָט און דעם מֶלֶך. און עס האָבען זיך געפונען צוויי פאלשע עֵדוּת, וואָס האָבען עס בעשטעטיגט און נָבוֹת איז פער׳מִשְׁפָּט געוואָרען צום טויט. און דעמאָלט האָט מען דעם פער׳מִשְׁפָּט׳ן ארויסגעפיהרט אונטער דער שטאָדט און פערשטיינט מיט שטיינער.

נאָכדעם האָט אִיזֶבֶל געזאָגט צו אַחְאָב׳ן: „שטעה־אויף און יַרש׳ען נָבוֹת׳ס ווייַנגאָרטען, וואָרום נָבוֹת איז שוין טויט!“ איז אַחְאָב אראָבגעגאנגען בעקוקען דעם ווייַנגאָרטען. האָט זיך פלוצלונג בעוויזען פאר איהם אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, וואָס האָט אויסגערופען: „דו האָסט טויט געשלאָגען און דו ווילסט אויך יַרש׳ענען?! — אזוי האָט גאָט געזאָגט: אויף דעם אָרט, וואו הינד האָבען געלעקט נָבוֹת׳ס בלוט, וועלען אויך הינד לעקען דייַן בלוט“. און דער נָבִיא האָט פאָרגעזאָגט אַחְאָב׳ן, אז מיט זייַן הויז וועט אויך געשעהן דאָס אייגענע, וואָס מיט יָרָבְעָם׳ס הויז.

אֵלִיָּהוּ איז באלד פערשוואונדען געוואָרען און דער מֶלֶך האָט זיך א געוויסע צייַט געפונען אונטער דעם אייַנדרוק פון דיזע שטאַר־קע ווערטער.

פראגען: ווען האָט זיך אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא בעוויזען? — וואָס איז געווען דער ערשטער סִכְסוּך צווישען אֵלִיָּהוּ און אַחְאָב׳ן? — וואָס האָט אִיזֶבֶל געזאָגט דעם מאן? — וואָס האָט זי געטאָהן? — וואָס האָט אֵלִיָּהוּ געזאָגט דעם מֶלֶך? — וואָס האָט ער איהם פאָר־געזאָגט? —

44. אֵלִיָּהוּ און די פאלשע נְבִיאִים.

דרייַ יאָהר זענען אריבער פון דער צייַט, וואָס אֵלִיָּהוּ האָט פאָר־

געזאָגט אַחאָב'ן, אז אויפ'ן לאנד וועלען אָנקומען צָרות און הונגער, און אָט זענען מקוים־געוואָרען דידאָזיגע ווערטער. דאָס פאָלק האָט געהונגערט. דעמאָלט האָט אֵלִיָהוּ זיך געטראָפען מיט אַחאָב'ן, און דער מֶלֶך האָט אויסגעשריען: „דאָס ביזטו דער בעטריבער פון יִשְׂרָאֵל!" אֵלִיָהוּ האָט זיך אָבער נישט פערלאָרען און האָט שטאָלץ געזאָגט: „נישט איך האָב דאָס פאָלק בעטריבט, נייערט דו און דיין פאָטער'ס הויז, ווייל איהר זענט דעם בַּעַל נאָכגעגאנגען!"

אֵלִיָהוּ האָט בעמערקט דעם מֶלֶך, אז אויב מען וויל, עס זאָל ארויספאלען א רעגען און דער הונגער זאָל אויפהערען, מוז מען איינשטילען גאָט'ס צאָרן. „שיק און זאמעל מיר צונויף, — האָט ער געזאָגט — ביים בארג כַּרְמֶל אלע פאלשע נביאים פון בַּעַל און דאָס גאנצע פאָלק און דאָרט וועט דאָס פאָלק זעהן, ווער איז דער אמת'ער גאָט".

האָבען זיך אויפ'ן בארג כַּרְמֶל פערזאמעלט די אלע כֹּהנים פון בַּעַל — פירהונדערט פופציג מאן און אויך א גרויסער הָמוֹן פון פאָלק. אֵלִיָהוּ האָט זיי מיט שטרענגע ערנסטע רייד געשטראָפט און זיי האָבען געשוויגען. ער האָט אויך, ווי עס ווערט דערצעהלט אין תַּנַ"ך, בעוויזען א גרויס וואונדער. אֵלִיָהוּ האָט געזאָגט: „זאָל מען אונז געבען צוויי אָקסען און זאָלען די נביאים זיך אויסקלייבען איינעם פון די־דאָזיגע אָקסען, צושניידען איהם און אוועקלעגען אויפ'ן מִזְבֵּחַ. אָבער קיין פייער זאָל מען נישט אונטערלעגען. אזוי וועל איך טהאָן מיט'ן צווייטען אָקס. זאָלען זיי, פירהונדערט פופציג מאן, רופען דעם נאָמען פון זייער גאָט און איך וועל רופען דעם נאָמען פון מיין גאָט. אָבער דער גאָט, וואָס וועט ענטפערן מיט פייער, — דער איז דער אֱמֶת'ער גאָט." און די צוהערער האָבען געזאָגט: „אזוי זאָל עס זיין!"

און די פאלשע נביאים האָבען צורעכט געמאכט זייער אָקס און גערופען צום בַּעַל פון אינדערפריה ביז האלבען טאָג און געשריען: „בַּעַל, ענטפער אונז!" אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. דעמאָלט האָט זיך אֵלִיָהוּ אָנגערופען מיט שפאס: „שרייט שטארקער, ער איז דאָך א גאָט, האָט ער זיך אֶפְשָׁר פערשפעטיגט, אָדער ער איז אין וועג, אָדער אֶפְשָׁר שלאָפט ער, וועט ער זיך אויפכאפען." האָבען זיי

נאָך שטארקער געשריען און ווילד ארום מִזְבֵּחַ געטאנצט און מיט שווערדען די לײַבער געריסען און מיט שפּיזען זיך געשטאָכען, אָבער בַּעַל איז געבליבען טויב און שטום.

דעמאָלט האָט אֵלִיָהוּ אויפגעשטעלט א מִזְבֵּחַ פון צוועלף שטיינער, לויט דער צאָהל פון די שְׁבָטִים. נאָכדעם האָט ער געהייסען גיסען וואסער אויפ׳ן האָלץ און אויפ׳ן צושניטענעם אָקס און אז דער גרוב ארום מִזְבֵּחַ איז פול געוואָרען מיט וואסער, האָט אֵלִיָהוּ תְּפִלָּה־געטהאָן און באלד דערויף האָט זיך אויפגעהויבען א שטורם און אויפ׳ן הימעל האָט זיך בעוויזען א כמארע און עס האָט געבליצט, און א בליץ האָט פערברענט דעם קָרְבָּן, דאָס האָלץ, די שטיינער און אַפילו דאָס וואסער אויסגעקאָכט.

דער שטורם איז געוואָרען אלץ שטארקער און שטארקער און עס האָט אָנגעהויבען גיסען א שלאקסרעגען. די אויסגעטריקענטע פעלדער האָבען אויפגעלעבט, זענען גרין געוואָרען, און דאָס פאָלק האָט שוין געוואוסט, אז עס וועט זײַן א גרויס גערעטעניש. דעמאָלט האָט דאָס פאָלק אײַנגעזעהן אֵלִיָהוּ׳ס געטליכע מאכט און האָט זיך נוֹקֵם־געווען אין די פאלשע נְבִיאִים, וואָס האָבען פערדאָרבען דאָס לאנד.

און אז אִיזֶבֶל האָט זיך דערוואוסט פון דעם, האָט זי געשוואָרען, אז זי וועט טויטען אֵלִיָהוּ׳ן. דער נָבִיא האָט געמוזט פערלאָזען דאָס לאנד. איז ער אוועק קיין יְהוּדָה און פון יהוּדָה איז ער אוועק אין מִדְבָּר.

פראגען: וואָס איז געשעהן אין לאנד אין דריי יאָהר ארום נאָכדעם ווי אֵלִיָהוּ האָט גערעדט מיט אַחְאָב׳ן? — וואָס האָט דער מֶלֶךְ געזאָגט אֵלִיָהוּ׳ן און וואָס האָט איהם דער נָבִיא געענטפערט? — וואָס איז געשעהן אויפ׳ן בארג כַּרְמֶל? — וואָס האָבען די יודען דעמאָלט אײַנגעזעהן? — אין וועמען האָבען זיי זיך נוֹקֵם־געווען? — וואָס פאר א שבוּעָה האָט זיך אִיזֶבֶל געגעבען? —

---

45. אֵלִיָהוּ אויפ׳ן בארג חוֹרֵב (סִינַי).

פערציג טעג און פערציג נעכט, דערצעהלט ווײַטער דער תַּנַ״ךְ,

איז אֵלִיָּהוּ געגאנגען איבער'ן מִדְבָּר. געיאָגט פון דער בלוט־דור־שטיגער מַלְכָּה אִיזֶבֶל. איינמאָל פארנאכט, איז ער געקומען צום בארג חוֹרֵב, איז ער אריין אין א הייל און דאָרט גענעכטיגט. און איגמיטען נאכט האָט ער דערהערט גאָטס קוֹל: „וואָס האָסטו דאָ צו טהאָן, אֵלִיָּהוּ?" און אֵלִיָּהוּ האָט געענטפערט: „איך האָב געצאָרנט צוליב גאָט, ווייל דיינע קינדער האָבען דיין בונד פערלאָזען, דיינע מִזְבְּחוֹת האָבען זיי צושטערט, דיינע נְבִיאִים געטויטעט און איך בין אליין געבליבען, און זיי ווילען מיין לעבען אויך אוועקנעהמען!" און דער קוֹל האָט ווייטער געזאָגט: „געה, שטעל זיך אויפ'ן בארג, ווארום גאָט געהט דאָ פאָר־אויס." און עס האָט זיך אויפגעהויבען א גרויסער שטורם־ווינד, וואָס צומאָלט בערג און צוברעכט פעלזען — אָבער גאָט איז נישט געווען אין שטורם. נאָכ'ן שטורם איז געוואָרען א רַעַשׁ — אָבער גאָט איז נישטאָ אין רַעַשׁ. נאָכ'ן רַעַשׁ איז געקומען א פייער, אָבער אויך אין פייער איז גאָט נישט געווען. נאָכ'ן פייער האָט זיך געלאָזט הערען א צארטער שטילער קוֹל, און אז אֵלִיָּהוּ האָט דערהערט דעמדאָזיגען קוֹל, האָט ער זיין פָּנִים אינ'ם מאנטעל איינגעהילט. דעמאָלט האָט ער פערשטאנען, אז גאָט איז נישט פארהאן אין בלוטיגען קאמף, נאָר אין רוהיגער שטילער ארבייט.

און דער קוֹל האָט ווייטער געזאָגט: „געה פון דאנען קיין דַּמֶּשֶׂק, און דאָרט זאָלסטו זאלבען איינעם יֵהוּא, דעם זוהן פון נִמְשִׁי, פאר א מֶלֶךְ איבער יִשְׂרָאֵל און איינעם אֱלִישָׁע, דעם זוהן פון שָׁפָט, פאר א נָבִיא אָנשטאָט דיר". איז אֵלִיָּהוּ אוועק פון בארג און אויפ'ן וועג האָט ער געטראָפען אֱלִישָׁע'ן, וואָס האָט געאקערט דאָס פעלד מיט צוועלף פאָר אָקסען. האָט אֵלִיָּהוּ ארויפגעוואָרפען אויף איהם זיין מאנטעל און דער יונגער ערדארבייטער האָט פערשטאנען דעם נָבִיא'ס כַּוָּנָה. האָט ער פערלאָזט זיין ארבייט, זיין חיים און איז אוועק מיט'ן נָבִיא. ער איז געווען א זוהן פון א גרויסען בַּעַל־נַחֲלָה אינ'ם געביט פון שֵׁבֶט יִשָּׂשכָר. געוואוסט האָט דער יונגער ארבייטער, אז דאָס לעבען פון נָבִיא איז פול צַעַר און פיין, דאָך האָט ער געהאָרכט דעם נָבִיא און געגאנגען מיט איהם. אֵלִיָּהוּ האָט איהם אַפִילוּ אָבגערעדט דערפון: ער האָט געוואָלט אויספרובען דעם יונגען אֱלִישָׁע'ן, צי איז ער

באֱמֶת פעסט אין זײַן דֵעָה. אֱלִישָׁע אָבער איז שוין פון איהם נישט אָבגעטראָטען, און אזוי האָט ער פערלאָזט זײַן רוהיג שטיל לעבען, צו זײַן אויך אזוי נָע־וָנָד, ווי זײַן לעהרער.

פראגען: וויפיל טעג און נעכט האָט אֱלִיָהוּ פערבראכט אין מִדְבָּר? — ווי הייסט דער באַרג, וואו ער האָט גענעכטיגט אין א הייל? — וואָס האָט איהם גאָט געזאָגט? — צי איז גאָט פאַרהאַן אין שטורם, אין רַעַש, אין פייער? — וואו איז פאַרהאַן גאָט? — וואָס האָט איהם גאָט ווייטער געזאָגט? — ווענען האָט אֱלִיָהוּ געטראָפען אין וועג? — וואָס האָט אֱלִישָׁע פערשטאנען? —

46. די לעצטע יאָהרען פון אַחאָב׳ס מלוּכָה.

די לעצטע יאָהרען פון אַחאָב׳ס מלוּכָה זענען אוועק אין מִלְחָמוֹת מיט אֲרָם. אֲרָם האָט אין יענער צײַט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון שטאַרקײַט. די מלוּכָה האָט פערמאָגט א גרויסע ארמעע מיט א סַך רײַטוועגען און שטורמוועגען, און אלע שכנ׳ישע מלוּכות האָבען אֲרָם מַס געצאָהלט. בֶּן־הֲדַד, דער מֶלֶךְ פון אֲרָם, האָט אויך געוואָלט אונטערדריקען די מלוּכָה פון שֹׁמְרוֹן. האָט ער זיך ארײַנגעריסען מיט א גרויסען חַיִל אין די גְבוּלוֹת פון דער מלוּכָה, האָט בעלאַגערט שֹׁמְרוֹן און געפאָדערט, אז אַחאָב זאָל אָנערקענען די הערשאפט פון אֲרָם. דעמאָלט האָט אַחאָב צונויפגערופען די זְקֵנִים פון פאָלק און זיך מיט זיי מְיַשֵׁב־געווען. האָבען די זְקֵנִים געהייסען אָבוואַרפען בֶּן־הֲדַד׳ס פאָדערונג. אָבער בֶּן־הֲדַד האָט געהייסען די שלוּחִים, זיי זאָלען זאָגען דעם מֶלֶךְ אַחאָב, אז דער שטויב פון זײַן מלוּכָה וועט זײַן ווייניג פאר זײַנע פערד. האָט אַחאָב געענטפערט: „זאָל זיך נישט בעריהמען דער, וואָס גורט־אָן דעם שווערד, נאָר דער, וואָס טהוט איהם שוין אויס.“ און די קליינע, העלדישע ארמעע פון שֹׁמְרוֹן איז מוטיג איבערגעפאלען די אֲרָמ׳ישע מַחנוֹת, וואָס זענען אין גרויס שרעק צולאָפען, און בֶּן־הֲדַד אליין האָט זיך קוים געראַטעוועט אויף זײַן אָדלערפערד.

אין אַ יאָהר אַרום זענען די אַרמ'ישע חַיָלוֹת פון דאַמסק בע־
פאַלען די בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, אָבער דעמאָלט איז זייער מַפָּלָה געווען נאָך
אַ גרעסערע. די חַיָלוֹת זענען צושפּרייט געוואָרען און בֶּן־הֲדַד איז אַרײַנ־
געפאַלען אין געפאַנגענשאַפט. אָבער אַחאָב האָט איהם בּעפרײַט מיט דעם
תְּנַאי, ער זאָל אומקעהרען די אַמאָל צוגענומענע שטעדט בּײַ די בְּנֵי־
יִשְׂרָאֵל. בֶּן־הֲדַד האָט צוגעזאָגט, אָבער זײַן וואָרט האָט ער נישט
מְקַיֵים־געווען.

פראַגען: מיט וואָס האָבען זיך אויסגעצייכענט די לעצטע יאָהרען פון
אַחאָב'ס מלוּכָה? — מיט וועמען האָט אַחאָב דעמאָלט מִלְחָמָה
געהאַלטען? — איז אַרָם אַ שטאַרקע מלוּכָה געווען? — ווי האָט
געהייסען דער מֶלֶך פון אַרָם? — וואָס האָט בֶּן־הֲדַד געפאָדערט
פון אַחאָב'ן? — וואָס האָט איהם אַחאָב געענטפערט? — מיט
וואָס האָט זיך געענדיגט די ערשטע מִלְחָמָה? — מיט וואָס
האָט זיך געענדיגט די צווייטע מִלְחָמָה? — מיט וואָס פאַר אַ
תְּנַאי האָט אַחאָב בעפרײַט בֶּן־הֲדַד'ן? —

47. יהוֹשָׁפָט.

(918—895 פאַר דער נײַער ערא).

אין יענער צײַט איז אין יהוּדָה געווען מֶלֶך יהוֹשָׁפָט, אַ זוהן פון
אָסָא. יהוּדָה איז דעמאָלט געווען אַ רײַכע און שטאַרקע מלוּכָה. די
גרויסע איבערקעהרענישען, וואָס פלעגען עפטער פאָרקומען אין מלוּכַת־
שׁוֹמְרוֹן, האָט געהאט אַ גוטע ווירקונג אויף דער שְׁכֵנוּת'דיגער מלוּכַת־
יהוּדָה. יהוֹשָׁפָט האָט אײַנגעזעהן, אַז מען בעדאַרף אײַנפיהרען אין לאַנד
נוצליכע רעפאָרמען. ער האָט, צום בײַשפּיל, אַרויסגעשיקט לעהרערס
אין לאַנד, זיי זאָלען לערנען תּוֹרָה מיט'ן פאָלק. דער מֶלֶך אַליין
פלעגט אויך אַרומפאָהרען איבער'ן לאַנד, פלעגט בעזוכען פערשידענע
אַנשטאַלטען און פלעגט עפטער שמועסען מיט'ן פאָלק. דאָס פאָלק

האָט דעמאָלט אָבגעהיט די תּוֹרָה, געלעבט מיט איהר און געגאנגען אין יענע וועגען, וואָס זענען אָנגעצייכענט געוואָרען דורך די בעסטע מענשען פון פאָלק.

אין יענער צייט איז אויך געשלאָסען געוואָרען א שָׁלוֹם־טראקטאט צווישען יהוּדָה און יִשְׂרָאֵל. צוליב דער פאמיליען־פריינדשאפט פוןביידע מְלָכִים — יְהוֹרָם, דער זוהן פון יהוֹשָׁפָט, האָט חֲתוּנָה־געהאט מיט אַחְאָב׳ס טאָכטער עֲתַלְיָה — זענען ביידע מלוכות שטארקער געוואָרען. און ווען דער מֶלֶךְ פון אֲרָם האָט נישט געוואָלט מְקַיֵּים־זיין דעם צוזאָג אומצוקעהרען די שטעדט דער שׁמרוֹן־מלוּכָה, האָט אַחְאָב פאָרגעלעגט יהוֹשָׁפָט׳ן, זיי זאָלען צוזאמען ארויסטרעטען קעגען בֶּן־הֲדַד׳ן. יהוֹשָׁפָט האָט איינגעשטימט און געענטפערט: „מיין פאָלק איז דיין פאָלק, און מיינע פערד זענען דיינע.“ יהוֹשָׁפָט איז געקומען קיין שׁמרוֹן און מען האָט געמאכט די נויטיגע הֲכָנוֹת צו דעם קריג. די פאלשע נְבִיאִים, וואָס האָבען זיך געפונען אין אַחְאָב׳ס הויף, האָבען פאָרויסגעזאָגט א נִצָּחוֹן. דער מֶלֶךְ יהוֹשָׁפָט האָט זיי אָבער נישט געטרויט און האָט גע־פרעגט: „צי איז פאראן נאָך עפּיס א נָבִיא?“ האָט מען אָנגערופען איינעם מִיכָיְהוּ, א זוהן פון יִמְלָה, איז ער באלד געבראכט געוואָרען צו די מְלָכִים, אָבער די שְׁלוּחִים האָבען איהם אין וועג געפּרובט איבעררעדען, ער זאָל זאָגען דאָס אייגענע, וואָס די פאלשע נְבִיאִים. אָבער דער נָבִיא האָט זיך אָנגערופען: „וואָס איך וועל הערען פון גאָט, דאָס וועל איך זאָגען.“ און פאר די מְלָכִים האָט ער געזאָגט: „איך זעה דאָס גאנצע פאָלק צושפרייט אויף די בערג, ווי שעפסען אָהן א פאַ־סטוך.“ און ער האָט פאָרגעזאָגט א שלעכטען סוֹף. דעמאָלט האָט אַחְאָב געהייסען אריינוואַרפען מִיכָיְהוּ אין תְּפִיסָה, ביז ער וועט זיך צוריק־קעהרען פון די מִלְחָמָה.

די ביידע ארמעען צוזאמען מיט זייערע מְלָכִים זענען ארויסגע־טראָטען אין מִלְחָמָה. ביי רָמוֹת איז פאָרגעקומען א בלוטיגע שלאכט. אַחְאָב איז געווען אנ׳איבערגעטהאָנענער, ווייל דער מֶלֶךְ פון אֲרָם האָט אָנגעזאָגט די שיסער, זיי זאָלען זיך נאָר צילען אין מֶלֶךְ. אין דער־דאָזיגער שלאכט איז אַחְאָב פערוואונדעט געוואָרען. דעם פערוואונ־דעטען מֶלֶךְ האָט מען ארויסגעפיהרט פון מִלְחָמָה־פּלאַץ, אָבער אוי

אָווענד איז ער געשטאָרבען. האָט מען געראָזט אויסרופען אין דער מַחֲנֶה: „איטליכער זאָל געהן צו זיין שטאָדט און צו זיין לאנד!" און יְהוֹשָׁפָט האָט זיך צוריקגעקעהרט קיין ירוּשָׁלַיִם.

פראגען: ווי האָט מען געלעבט אין יְהוּדָה? — וואָס פאר א מֶלֶךְ איז געווען יְהוֹשָׁפָט? — וואָס האָט ער געטהאָן פאר׳ן לאנד? — מיט וועמען האָט ער געשלאָסען א שָׁלוֹם־טראַקטאט? — מיט וועמען און געגען וועמען איז ער ארויס אויף מִלְחָמָה? — וואָס האָבען געזאָגט די פאַלשע נְבִיאִים? — ווי האָט געהייסען דער נָבִיא, וואָס האָט פאָרגעזאָגט א שלעכטען סוֹף? — ווי האָט זיך די מִלְחָמָה געענדיגט? — ווי איז אַחְאָב געשטאָרבען? —

48. אֵלִיָּהוּ׳ס לעצטע יאָהרען.

נאָך אַחְאָב׳ן איז ארויף אויף׳ן מְלוּכָה־שטוהל זיין זוהן אֲחַזְיָהוּ. דער זוהן איז נישט געווען בעסער פון פאָטער. פון תַּנַ״ךְ וויסען מיר זיין צוזאמענשטויס מיט אֵלִיָּהוּ׳ן. אֲחַזְיָהוּ איז איינמאָל אראָבגעפאלען פון הויכע טרעפ און איז געפעהרליך קראנק געוואָרען. האָט ער געשיקט פרעגען און בעטען ביים אָבגאָט פון דער שטאָדט עֶקְרוֹן. האָט זיך אֵלִיָּהוּ דעמאָלט בעוויזען צום מֶלֶךְ און געזאָגט: „צי דען איז קיין גאָט נישטאָ אין יִשְׂרָאֵל, וואָס די שיקסט פרעגען ביי די אָבגעטער פון עֶקְרוֹן? פון דער בעט, וואָס דו ביזט ארויף אויף איהר, וועסטו שוין נישט אראָב, דו וועסט שטארבען." אֲחַזְיָהוּ איז באֱמֶת אינגיכען געשטאָרבען.

נאָך אֲחַזְיָהוּ׳ן איז אויף׳ן מְלוּכָה־שטוהל ארויף זיין ברודער יְהוֹרָם. אֵלִיָּהוּ האָט לאנג נישט געלעבט פאר דעמדאָזיגען מֶלֶךְ. לויט דעם גלויבען פון פאָלק איז אֵלִיָּהוּ נישט געשטאָרבען, ער איז נאָר פון דער ערד פערשוואונדען געוואָרען. דער תַּנַ״ךְ דערצעהלט וועגען דעם אזוי: אֵלִיָּהוּ איז אוועק מיט זיין טרייען תַּלְמִיד אֱלִישָׁע פון גִּלְגָּל. אויפ׳ן וועג האָט אֵלִיָּהוּ זיך געוואָלט אָבשיידען פון איהם, און ער האָט

זיך אָנגערופען: „בלייב דאָ, ווייל גאָט שיקט מיך קיין בית־אל.“ און אלישע האָט געענטפערט: „איך שווער ביי גאָט און ביי דיין לעבען, אז איך וועל דיך נישט פערלאָזען.“ און אז זיי זענען געקומען קיין בית־אל, זענען ארויסגעגאנגען די יונגע נביאים (בני־הנביאים) צו אלישע'ן און געזאָגט: „דו ווייסט, היינט נעהמט גאָט צו דיין האר, אליהו'ן?“ — „איך ווייס, — האָט ער געענטפערט, — אָבער שווייגט.“ און אליהו האָט זיך ווידעראמאָל אָנגערופען צו איהם: „אלישע, בלייב דאָ, איך מוז געהן קיין יריחו.“ אָבער אלישע האָט איהם נישט אָבגעלאָזט און צוזאמען זענען זיי געגאנגען קיין יריחו. און אין יריחו האָבען אלישע'ן אויפסניי בעמערקט די יונגע נביאים: „ווייסטו, אז היינט נעהמט גאָט צו דיין האר פון דיר?“ און אלישע האָט געזאָגט: „איך ווייס, אָבער שווייגט.“ און אליהו האָט געזאָגט צו אלישע'ן: „זייז דאָ, ווייל איך מוז געהן צום ירדן.“ אָבער אלישע האָט איהם אליין נישט אָבגעלאָזט. זענען זיי ווייטער געגאנגען צוזאמען, און פופציג מענשען פון די בני־הנביאים זענען נאָכגעגאנגען פון ווייטען.

און עס איז געשעהן: ווי זיי געהען אזוי אוןריידען, האָט זיי פלוצלונג צושיידט א פייערדיגער רייטוואָגען מיט פייערדיגע פערד און אליהו איז אין שטורם ארויף אויפ'ן הימעל. אלישע האָט אויסגעשריען: „פאָטער, פאָטער, ישראל'ס קריגסוואָגען און זיינע רייטער!“ (דער כוח און שטאָלץ פון ישראל). אָבער אלישע האָט שוין מעהר אליהו'ן נישט געזעהן, האָט ער זיינע קליידער געכאפט און צוריסען.

און דער שטרענגער נביא לעבט עד־היום אין די הערצער און אין זכרון פון פאָלק, ווי א גוטער מלאך, וואָס ברענגט שטענדיג הילף און טרייסט אלע שוואכע און געפייניגטע, אלע מידע און עלענדע. דאָס פאָלק גלויבט אויך, אז די גליקליכע בשורה פון דעם גרויסען טאָג, פון דער לעצטער גרויסער ישועה, פון משיח'ס קומען וועט אויך אליהו ברענגען.

פראגען: ווער איז ארויף אויפ'ן מלוכה־שטוהל נאָך אחאב'ן? — וואָס האָט אליהו געזאָגט אחזיהו'ן? — ווער איז ארויף אויפ'ן מלוכה־שטוהל נאָך אחזיהו'ן? — ווי אזוי גלויבט דאָס פאָלק? — איז אליהו געשטאָרבען? — וואו איז ער געשטאָרבען? — ווער וועט ברענגען די בשורה וועגען משיח'ן?

49. די איבערקעהרעניש אין מלוכת־ישׂראל.

אֱלִישָׁע מיט זײַנע נאָכפאָלגער, די בעסטע מענשען פון יענער צײַט, האָבען פערשטאנען, אז נאָר א מלוכה־איבערקעהרעניש קאָן בע־פרײַען דאָס פאָלק פון געצענדינערײַ און שלעכטע מיהגים, וואָס זענען אײַנגעפלאנצט געוואָרען אין פאָלק דורך אחאָב׳ס הויז. פון אחאָב׳ס הויז מוז אוועקגענומען ווערען די מאכט, אויב מען וויל מעהר נישט זינקען אין געצענדינערײַ און אויסגעלאסענקײַט. שטרענג און צאָרניג איז זיך אויך בעגאנגען אֱלִישָׁע, ווי זײַן לעהרער אֵלִיָהוּ, מיט׳ן מֶלֶך און מיט אלע שלעכטע און זינדיגע מענשען. בשעת דער מֶלֶך יהוֹרָם האָט צוזאמען מיט יהוֹשָׁפָט, דעם מֶלֶך פון יהוּדָה, פערפיהרט א קריג נעגען מוֹאָב, און ביידע מלכים זענען געקומען צו אֱלִישָׁע׳ן פרעגען, צי זיי וועט בעגליקען, האָט דער נָבִיא בייז בעגעגנט דעם מֶלֶך פון יִשְׂרָאֵל און געזאָגט: „געה דיר צו די נביאים פון דײַן פאָטער און מוטער. איך שווער דיר, אז ווען איך וואָלט נישט געאכפערט יהוֹשָׁפָט׳ן, דעם מֶלֶך פון יהוּדָה, — צי וואָלט איך גאָר א קוק געטהאָן אויף דיר און צי וואָלט איך דיך גאָר געזעהן."

עס איז געקומען די צײַט, ווען דער נָבִיא האָט געהאָפט צו בע־פרײַען דאָס פאָלק יִשְׂרָאֵל פון אחאָב׳ס זינדיגער פאמיליע. אֲרָם האָט זיך אין יענער צײַט געשטארקט און ווידער אָנגעהויבען אָנפאלען אויף די גרעניצשטעדט פון יִשְׂרָאֵל. דער מֶלֶך יהוֹרָם איז ארויס אין מִלְחָמָה קעגען איהם. אָבער אין דערדאָזיגער מִלְחָמָה איז יהוֹרָם פערוואונדעט געוואָרען און האָט זיך געמוזט אומקעהרען אין זײַן פאלאץ צו היילען די וואונד. דעמדאָזיגען מאָמענט האָט אֱלִישָׁע אויסגענוצט. דער ענערגישער קריגספיהרער יֵהוּא האָט איצט, אָהן דעם מֶלֶך, אָנגעפיהרט מיט די יודישע חַיָלוֹת, און איהם האָט דער נָבִיא אויס־

געוועהלט צו מאכען א סוף פון אחאב׳ם משפחה.

פראגען: וואס האט פערשטאנען אלישע און די בעסטע מענשען פון פאלק? —מיט וועמען איז זיך אלישע שטרענג און צארניג בעגאנגען? —מיט וועמען און געגען וועמען האט יהורם פערפיהרט א מלחמה? —וואס האט ער געפרעגט ביי אלישע׳ן און וואס האט איהם דער נביא געזאגט? —וואספער מלך איז בעפאלען די גרעניצשטאדט פון ישראל? —וואס איז געשעהן מיט יהורם׳ן אין דערדאזיגער מלחמה? —ווי האט געהייסען דער קריגספיהרער און וואס האט אלישע געוואלט פון איהם?

50. יהוא און די פערניכטונג פון אחאב׳ם דינאסטיע.

דער נביא אלישע האט געשיקט א יונגען נביא צו יהוא׳ן אין לאגער, אויפ׳ן מלחמה־פלאץ. דער יונגער נביא איז געקומען אין לאגער און האט בסוד ארויסגערופען יהוא׳ן. ער האט איהם אוועקגעפיהרט אין א וויטען געצעלט, גענומען דעם הארן מיט׳ן היילינגען בוימאייל און האט איהם געזאלבט און דערביי געזאגט: „אין נאמען פון גאט זאלב איך דיך פאר א מלך איבער׳ן פאלק ישראל. און דו זאלסט שלאגען דאס הויזגעזינד פון אחאב און זיך נוקם־זיין פאר דאס בלוט, וואס ער האט פערגאסען.” אז יהוא האט עס דערצעהלט די אלטע עלטסטע לייט, האבען זיי זיך זעהר דערפרעהט און האבען אויסגערופען: „יהוא איז הערשער!” די חילות האבען זיך פעראייניגט צו זייערע הארען און מיט גרוים שמחה אויפגענומען דעם נייעם מלך.

און דער בעגלייטונג פון טרייע און איבערגעבענע מענשען איז יהוא באלד אוועק אין עמק־יזרעאל און געטויט יהורם׳ן און זיין מוטער איזבל. דא איז אויך געטויט געווארען דער מלך פון יהודה אחזיהו (יהושפט׳ס אייניקעל), וואס איז געקומען צום מלך ישראל. אזוי ארום האט יהוא פערניכטעט די גאנצע פאמיליע פון אחאב. ער האט אויך בעשלאסען אויסצוווארצלען אין לאנד דעם גלויבען אין בעל. און ער האט געלאזט אויסרופען, אז ער מאכט א גרויסען מאלצייט לכבוד דעם אבגאט, און עס זאלען זיך פערזאמלען אלע זיינע נביאים און כהנים. און אז אלע פאלשע כהנים און נביאים זענען געקומען אין טעמפעל

דאָט יֵהוּא בעפוילען צו טויטען זיי אַלעמען. נאָכדעם האָט מען די מַצֵבוֹת צושטויסען און דעם טעמפּעל פערברענט. דאָס דינען צום בַּעַל איז אין גאַנצען לאַנד שטרענג פערבאָטען געוואָרען. דעמאָלט איז יֵהוּא געקומען קיין שֹמרון און ארויף אויפ׳ן מלוכה־שטוהל (860 יאָהר פאַר אונזער צייט).

פ ר א ג ע ן: וועמען האָט אֱלִישָׁע געשיקט אין לאַגער אַריין? — וואָס האָט ער געטהאָן אין לאַגער? — וואָס האָט ער געזאָגט צו יֵהוּא׳ן? — וואָס איז יֵהוּא געוואָרען? — ווי האָבען עס אויפגענומען די עֶלטסטע? — וואוהין איז יֵהוּא באַלד אוועק? — וואָס האָט ער געטהאָן? — וואָס האָט ער נאָכדעם בע־שלאָסען? — וואָס האָט ער געלאָזט אויסרופען? — וואָס איז געוואָרען מיט די פאַלשע נביאים? — וואוהין איז נאָכדעם יֵהוּא אוועק? —

---

51. עֲתַלְיָה׳ס הערשאַפט אין יהוּדָה.

אין דער צייַט, וואָס יֵהוּא האָט פערניכטעט אַחְאָב׳ס פאַמיליע אין מלוכת־יִשְׂרָאֵל, איז אויך אין יהוּדָה פערגאָסען געוואָרען בלוט. זוען אַחְאָב׳ס טאָכטער עֲתַלְיָה האָט דערהערט, אז איהר זוהן אֲחַזְיָהוּ, דער מֶלֶךְ פון יהוּדָה, איז געטויט געוואָרען אין יִזְרְעֶאל, האָט זי מיט גרויס אַכְזָרִיוּת און רִשְׁעוּת אויסגעהַרג׳עט דורך יֵהוּא׳ן אַלע קינדער פון בֵּית־דָוִד. אפילו איהרע אייניקלעך, דעם זוהנ׳ס קינדער האָט זי אויך געטויט און אליין געהערשט איבער יהוּדָה. די הויפּטשטאָט פון יהוּדָה האָט זי בעשמוצט מיט די אָפּגעטער בַּעַל און עַשְׁתָּרוֹת. א סַך מִשְׁפָּחוֹת פון יהוּדָה האָט זי אַרייַנגעצווינגען אין געצענדינערייַ. אָבער די בעסערע מענשען פון פאָלק זענען דערציטערט און אויפגעבראַכט געוואָרען פון עֲתַלְיָה׳ס ווילדע מַעֲשִׂים.

יְהוֹיָדָע איז דעמאָלט געווען כֹּהֵן אין ירושָׁלַיִם. ער איז געווען א שוואָגער פונ׳ם דער־הַרג׳עטען מֶלֶךְ אֲחַזְיָהוּ. בִּשְׁעַת עֲתַלְיָה האָט געהייסען טויטען אַלע קינדער פון איהר זוהן, האָט יְהוֹיָדָע ארויסגע־גנב׳עט דאָס קלענסטע יונגעלע יוֹאָשׁ, און האָט איהם בעהאַלטען צוזאַמען מיט זייַן אַם אין א בעזונדער בִּנְיָן נעבען בֵּית־הַמִקְדָשׁ. דאָ

האָט זיך דער קליינטשקער יואָש דערצויגען אונטער דער השגחה פון זיין פעטער דעם כהן. אז יואָש איז אלט געוואָרען זיבען יאָהר, האָט זיך יהוידע געשטעלט בראש פון די אלע, וואָס האָבען אויפגעהויבען א מרידה געגען עתליה׳ס הערשאפט. צוזאמען מיט׳ן חיל האָט מען בעשלאָסען אראָבצוװעצען די זינדיגע און ווילדע עתליה. איינמאָל אין א שבת־טאָג האָט יהוידע ארויסגעגעבען א בעפעהל ארומצורינגלען דעם בית־המקדש און נישט ארײנלאָזען אהין עתליה׳ס אָנהענגער. אין דעם איינענעם טאָג זענען אויך צוזאמענגערופען געוואָרען די עלטסטע פון אלע שטעדט אין יהודה. פון די אינערליכע בית־המקדש־צימערן איז ארויסגעפיהרט געוואָרען דער זיבענױאָהריגער יואָש, אָנגעטהאָן אין׳ם כתר־המלכות. דערזעהן דאָס איינציג־איבערגעבליבענע קינד פון בית־דוד, האָט דאָס פאָלק אויסגערופען: „זאָל לעבען דער מלך!“ אז עתליה האָט דערהערט אין איהר פאלאץ די אויסגעשרייען און דאָס בלאָזען פון טראָמפייטען איז זי אװעק צום בית־המקדש, אָבער אז זי האָט דערזעהן א קינד מיט א קרוין, האָט זי צוריסען די קליידער אויף זיך און גענומען שרייען: „א מרידה! א בונט!“ דעמאָלט האָט מען זי אָבגעפיהרט אָן א זייט און געטויט (880). דאָס פאָלק האָט באלד צושטערט און חרוב־געמאכט אלע מזבחות און טעמפלען, וואָס די ווילדע זינדיגע מלכה האָט געבויט לכבוד דעם בעל. יואָש האָט זיך געזעצט אויפ׳ן מלוכה־שטוהל, אָבער ביז ער איז מינדיג געוואָרען, האָט די מלוכה געפיהרט זיין פעטער, דער כהן יהוידע.

פראגען: וואָס איז געשעהן אין יהודה, בשעת אחאָב׳ס פאמיליע איז געטויט געוואָרען אין מלוכת־ישראל? — וואָס האָט געטהאָן עתליה? — ווער איז דעמאָלט געווען כהן אין ירושלים? — ווי הייסט דאָס יונגעלע, וואָס יהוידע האָט איהם מציל־געווען פון עתליה׳ס הענד? — ווי אזוי האָט זיך אָנגעהויבען די מרידה געגען עתליה׳ן? — ווער איז געשטאַנען בראש פון דער מרידה? — וואָס האָט עתליה דערזעהן בײַם בית־המקדש? — וואָס האָט זי אויסגעשריען? — וואָס איז געווען איהר סוף? — ווער איז דעמאָלט אוועקגעזעצט געוואָרען אויפ׳ן מלוכה־שטוהל? —

52. יֵהוא'ס הערשאפט און זיין יורש יהואָחז.

נישט אלעמאָל ווערט א פאָלק געהאָלפען דורך בלוטיגע איבערקערעהנישען. דורך בלוט איז יֵהוא ארויף אויפ'ן מלוכה־שטוהל פון שמרון, אָבער דער צַער און וועה פון פאָלק איז דערפון נישט געלינדערט געוואָרען. די בעסטע מענשען אין ישׂראל, וואָס האָבען געהאָפט, אז מיט'ן אויסראָטען אחאָב'ס פאמיליע וועט דאס לעבען אין לאנד אָננעהמען א בעסערע ווענדונג, זענען גענארט געוואָרען אין זייערע האָפנונגען. די אכטאונצוואנציג־יעהריגע הערשאפט פון יֵהוא'ן (887—860) איז געווען אן'עת־צרה פאר דער מלוכת־ישׂראל. אמת, יֵהוא האָט פערניכטעט דעם בַעַל, אָבער די צוויי קעלבער, וואָס יָרבעם האָט געשטעלט אין בֵית־אֵל און אין דָן זענען געבליבען און דאָס פאָלק האָט ווידער געדינט צו זיי. אֲרם פלעגט זעהר אָפט בעפאלען די נחלאות פון ישׂראל, און האָט צוגענומען דעם גאנצען שֶטַח ערד, וואָס איז געלעגען ביים מזרח־ברעג פונ'ם טייך ירדן. דאָרט זענען געזעסען די שבטים: ראובן, גד און מנשה. ווען די מלוכה איז נאָך יֵהוא'ס טויט אריבער צו זיין זוהן יהואָחז, איז די לאגע פון ישׂראל נאָך ערגער געוואָרען. דער מֶלך פון אֲרם מיט זיינע חילות זענען שוין אריבער די מַערב־זייט פון יַרדן. די מיליטערישע מאכט פון ישׂראל, וואָס איז בעשטאנען פון 10 טויזענד זעלנער פוסגעהער, 50 רייטער און 10 קריגסוועגען, איז געווען שוואך און נישטיג. אין יענער צייט איז אֲרם געווען דער גאנצער בַעַל־הַבַית אין ישׂראל'ס



א יוד פון יהוא'ס צייט.

לאנד. געהערשט האָט יהואָחז 17 יאָהר. נאָך זײַן טויט איז יהואָש ארויף אויפ׳ן כִּסֵא־הַמְלוּכָה (880—845).

פראגען: וויפיל יאָהר האָט יהוּא געהערשט? — ווי האָט דאָס פאָלק געלעבט פאר איהם? — וואָס איז געשטאנען אין בֵּית־אֵל און דָן? — ווער פלעגט עפּטער בעפאלען די נַחֲלָאוֹת פון יִשְׂרָאֵל? — וואס פאר א שטיק ערד איז צוגענומען געווארען דורך אֲרָם? — ווער איז ארויף נאָך איהם אויפ׳ן מְלוּכָה־שטוהל? — ווי האָט דאָס פאָלק געלעבט פאר יהוֹאָחָז׳ן? — וויפיל יאָהר האָט יהוֹאָחָז געהערשט? — ווער איז געוואָרען מֶלֶךְ נאָך איהם? —

---

53. אֱלִישָׁע.

אֵלִיָּהוּ האָט אָנגעהויבען דעם קאמף געגען געצענדינערײַ און זײַן תַּלְמִיד אֱלִישָׁע האָט מיט גרויס ערפאָלג דעם קאמף ווײַטער געפיהרט. אֱלִישָׁע׳ס נאָמען איז געוואקסען. אין יעדען יִשּׁוּב, אין יעדען דאָרף און שטאָדט האָבען זיך טויזענדער מענשען געווענדט צו איהם נאָך הילף, און אומעטום אין לאנד האָט ער געהאט תַּלְמִידִים, וואָס זענען געגאנגען אין זײַנע וועגען, געקעמפט צוזאמען מיט איהם, כְּדֵי אויסצופײַנערן און אויסצובעסערן די מִדּוֹת פון פאָלק. אין תַּנַ״ךְ ווערט דערצעהלט, אז אֱלִישָׁע האָט בעוויזען א סַך וואונדער.

איינמאָל, דערצעהלט דער תַּנַ״ךְ, איז געקומען צו אֱלִישָׁע׳ן אנ׳אָרימע פרוי, אנ׳אַלְמָנָה נאָך אַ נָבִיא, און זיך אָנגערופען צו איהם: „מײַן מאן איז געשטאָרבען און דו ווייסט דאָך, אז מײַן מאן איז געווען א גאָטספאָרכטיגער. איצט איז דער מאָהנער געקומען צונעהמען מײַנע צוויי קינדער פאר׳ן חוב. ער וועט זיי מאכען, מײַנע קינדער, פאר קנעכט“. האָט אֱלִישָׁע צו איהר געזאָגט: „וואָס קאָן איך דיר טהאָן? זאָג מיר, וואָס האָסטו אינ׳ם הויז?“ און די פרוי האָט געזאָגט: איך האָב גאָרנישט אין מײַן הויז, אויסער א קריגעל אייל“. האָט איהר אֱלִישָׁע געהייסען, זי זאָל געהן באָרגען א סַך לעדיגע כֵּלִים בײַ אלע איהרע שְׁכֵנִים, נאָכדעם זאָל זי ארײַננעהמען די כֵּלִים אין איהר הויז און פערשליסען די טהיר און קיינעם נישט ארײַנלאָזען. האָט די אַלְמָנָה אזוי געטהאָן, זי האָט אָנגעבאָרגט כֵּלִים בײַ אלע שְׁכֵנִים און דערנאָך פערשלאָסען די טהיר און אָנגעהויבען גיסען פון קריגעל דאָס אייל אין די לעדיגע אָנגעבאָרגטע כֵּלִים.

ווענען אלע כֵּלים פול געוואָרען מיט אייל, האָט די אַלְמָנָה פערקויפט דאָס אייל און בעצאָהלט דעם מאָהנער.

אֱלִישָׁע האָט געהאט אַ סַך ארבייט און האָט קיינמאָל נִישט גערוהט. פאר זיין צייט איז קיין איין געשעהעניש נישט אדורכגעגאנגען אָהן זיין ווירקונג. אומעטום איז געפאלען, ווי א זון־רעגען זיין וואָרט, זיין עֵצָה, און דאָס פאָלק האָט זיך געפיהלט בעשיצט אונטער זיין הויכען קלאָרען גייסט.

פראגען: וואָס האָט אֱלִישָׁע בעקומען? — וואָס האָט ער געוואָלט איינפלאנצען אין פאָלק? — וואָס דערצעהלט דער תּנ״ך וועגען אֱלִישָׁע׳ן? — מיט וואָס האָט ער זיך בעשעפטיגט?

---

54. אַשוּר.

אין צָפוֹן זייט פון אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל אין די לענדער, וואָס זענען געלעגען נעבען טייך פְּרָת און חִדֶּקֶל, איז אין יענער צייט ענטשטאַנען אַ שטאַרקע, גרויסע מְלוּכָה — אַשוּר (אַסירִיען). דאָס לאַנד פון די אַשוּרִים איז געווען רייך אין טייכען, בערג און מעטאלען און דער באָדען ארום די טייכען איז געווען א פרוכטבארער און א פעטער.

די איינוואוינער פון דעמדאָזיגען לאנד זענען געווען סעמיטען. די ערשטע סעמיטען, וואָס האָבען זיך בעזעצט אויף דערדאָזיגער ערד, האָבען אויסגעבויט א שטאָדט מיט׳ן נאָמען אַשור. דערדאָזיגער נאָמען איז אויך איבערגעגאנגען אויף די איינוואוינער און אויף׳ן לאנד. די אַשוּרִים זענען געווען הויכע, שטארקע מענשען, גרויסע עַקְשָׁנִים און האָבען ליב געהאט יאגד און מִלְחָמָה.

אַשוּר, ווי אַ מְלוּכָה, איז בעשטאנען פון א סַך איינגענומענע פעלקער. די מְלוּכָה האָט פערמאָגט א שטענדיגע, גוט־ארגאניזירטע ארמעע, און אין דער צייט פון גרויסע מִלְחָמוֹת פלעגען די איינגענומענע פעלקער צושטעלען רעזערווען צו שטארקען די שטענדיגע ארמעע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט מיט א שטרענגער אָרגאניזאציע און דיסציפלין. אויף די חוּרְבוֹת פון אסירישע פאלאצען קאָנען מיר נאָך היינט זעהן אויסגעמאָלטע בארעליעפען פון

קאוואלעריע, וואָס יאָגען העפטיג דעם שונא.

פערטהאָן, פערזונקען אין שטענדיגע מלחמות, אין אייביגע ארומרייסעניש מיט די ארומיגע פעלקער, זענען זיי באמת שלעכט און בייז געוואָרען ביז אכזריות.

פראגען: וואו איז געלעגען די מלוכה אשור? — פון וואָס פאר א בעפעלקערונג איז בעשטאנען דידאָזיגע מלוכה? — וואָס פאר אנ'אָרדנונג האָט געהערשט אין לאנד? — וואָס פאר א ווירקונג האָט אויף זיי געהאט דאָס פיהרען שטענדיגע מלחמות? —

אנ'אסיריער.

55. דער מלך, קולטור און אמונה פון די אסיריער.

די אסירישע מלוכה האָט אויסגעזעהן ווי א גרויסער מיליטערישער לאגער. בראש פון דער מלוכה איז געשטאנען דער מלך. ער איז געווען דער הויפּט-קאָמאנדיר פון דער ארמעע, דער געזעצגעבער און דער העכסטער שופט; ער האָט אומבעגרענצט געהערשט און אלע, פונ'ם פרינץ ביז'ן לעצטער בעטלער, זענען איהם אונטערגעוואָרפען געווען.



אין ניינצעהנטען יאָהרהונדערט האָבען געלעהרטע און פאָרשער אָנגעהויבען מאכען אויסגראָבונגען אויף די ערטער, וואו עס זענען אמאָל געשטאנען די גרויסע אסירישע שטעדט. די געלעהרטע האָבען ארויסבעקומען פון דער ערד א סך דענקמעלער און מצבות

פון דער עלטסטער קולטור אויף דער וועלט. פון די אויסגראָבונגען ווייסען מיר, אז די אסירישע ארכיטעקטור איז געווען מאסיוו און נישט=פּראָפּאָרציאָנעל, אזוי אז די פּאלאצען זענען געווען עהנליך צו א פעסטונג, מיט דיקע ווענד און



נִינְוֵה די הויפטשטאָדט פון אשור.

זעהר קליינע פענסטערלעך, נאָר די טורמען, די ארייַנגאנגען און די קאָלאָנעס האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט א בעזונדער רייץ און געשמאַק. מיט דיזעלבע מעלות צייכענען זיך אויך אוים זייער סקולפּטור און בילדער. די אסיריער האָבען א סך בעסער אויסגעהאקט פיגורען פון חַיוֹת, איידער פון מענשען.

די אסיריער זענען אויך געווען בעקאַנט מיט מאָלעריי. זייערע גע=מעלען זענען איינפאכער און נאטירליכער, ווי זייער סקולפּטור. אויך מיט אזא מאסיווקייט און איינפארבינקייט האָבען זיך אויסגעצייכענט די גרויסע צאָהל געבעטהייזער פון די אסיריער. בִּכְלָל זענען די אסיריער געווען זעהר פרום, אָבער זיי האָבען געגלויבט אין די מַזָלוֹת, אין די שטערען, אין די נאטירליכע קרעפטען און אין גוטע אָדער שלעכטע גייסטער. אשור, דְהַיְינוּ, איז געווען דער גאָט פון לאנד און בַּל דער גאָט פון די יַמִים א. אז. וו. אין נאָמען פון גאָט אשור האָבען זיי געטויט די געפאנגענע אין א צייַט פון מִלְחָמָה.

פראגען: ווי האָט אויסגעזעהן די אסירישע מְלוּכָה? — וואָס פאר אראָל האָט געשפּילט דער מֶלֶךְ פון אשור? — אין וואָסער יאָהרהונדערט האָט מען אָנגעהויבען מאכען אויסגראָבונגען אין אשור? — מיט וואָס האָט זיך אויסגעצייכענט זייער סקולפּטור? —

56. יְהוֹאָשׁ, אָדֶער יוֹאָשׁ.

אין יוֹאָשׁ'ס צייטען איז די מְלוּכַת־יִשְׂרָאֵל שטארקער געוואָרען. די אֲרָם־מְלוּכָה איז אָבגעשוואכט געוואָרען צוליב די שטענדיגע מִלְחָמוֹת מיט דער שטארקער און מעכטיגער אשור. יוֹאָשׁ האָט זיך בענוצט מיט די מַפָּלוֹת פון אֲרָם, איז ער בעפאלען דידאָזיגע מְלוּכָה און האָט אָבגענומען די אלע שטעדט, וואָס אֲרָם האָט פערכאפּט נאָך אין די צייטען פון זיין פאָטער יְהוֹאָחָז. דריי מאָל האָט יוֹאָשׁ אָנגעגריפען אֲרָם און אין אלע דריי מאָל האָט ער מְנַצֵּחַ־געווען. יוֹאָשׁ האָט אויך געפיהרט א מִלְחָמָה מיט יְהוּדָה. פון די בריף, וואָס יוֹאָשׁ האָט געשריבען צום מֶלֶךְ פון יְהוּדָה, זעהען מיר אז יוֹאָשׁ האָט נישט געוואָלט די מִלְחָמָה. „דער דאָרן, — שרייבט יוֹאָשׁ בְּדֶרֶךְ מָשָׁל צום מֶלֶךְ פון יְהוּדָה — וואָס וואקסט אויפ'ן בארג לְבָנוֹן, האָט זיך אָנגערופען צום צעדערבוים, וואָס וואקסט אויך אויפ'ן לְבָנוֹן: „גיב דיין טאָכטער פאר א ווייב צו מיין זוהן". אָבער א ווילדע חַיָּה איז פארביי געגאנגען און האָט צוטרעטען דעמדאָזיגען דאָרן. אֱמֶת, דו האָסט געשלאָגען אֱדוֹם (אֲמַצְיָהוּ, דער מֶלֶךְ פון יְהוּדָה האָט מְנַצֵּחַ־געווען אֱדוֹם'ן), און ביזט זעהר גרויס געוואָרען ביי זיך. פאָלג מיך און בלייב זיצען אינדערהיים. צו וואָס זאָלסטו זיך און דאָס גאנצע לאנד ארייננ־שלעפּען אין אַנ'אומגליק?" אָבער דער מֶלֶךְ פון יְהוּדָה האָט נישט געהאָרכט דידאָזיגע ווערטער. די מִלְחָמָה האָט זיך צופלאקערט און דער מֶלֶךְ פון יְהוּדָה איז ארייננעפאלען אין געפאנגענשאפט און א סַךְ שטעדט האָט יִשְׂרָאֵל אָבּ־געריסען פון יְהוּדָה. די חַיָּלוֹת פון יִשְׂרָאֵל זענען ארייננעדרונגען אין יְרוּשָׁלַיִם און דאָרט צוגענומען דאָס גאָלד און זילבער פון די מְלוּכָה־אוצרות. שטארק איז גע־וואָרען די מְלוּכַת־יִשְׂרָאֵל אין די צייטען פון יוֹאָשׁ און ווען ער איז געשטאָרבען נאָך 16 יאָהר הערשען, האָט ער איבערגעלאָזט זיין זוהן יָרָבְעָם דעם II־טען א שטארקע און א רייכע מְלוּכָה.

פראגען: ווי האט אויסגעזעהען די מלוכת-ישראל אין יואש'ס צייטען? — מיט וואסערע מלוכות האט ער מלחמה געהאלטען? — צי האט ער געזיגט אין זיינע מלחמות? — וויפיל יאהר האט ער געהערשט?

---

57. יָרָבְעָם דער צווייטער.

(760 — 830 פאר דער נייער ע"ר)

יָרָבְעָם איז געווען א קלוגער און דרייסטער מֶלֶך. מיט ערפאלג האט ער געקעמפט מיט די ארומיגע פעלקער — די בעדריקער פון ישראל. ער האט מנצח-געווען אֲרָם און איינגענומען זייער הויפשטאדט דַמֶשֶׂק. אין מזרח האט ער צושלאגען די מוֹאָבִים. דאס לאנד פון יִשׂראֵל איז ברייטער געווארען און האט זיך פערשפרייט, ווי אין די אלטע צייטען, פון די בערג לבנון ביז'ן יַם־הַמֶלַח.

דער האנדעל מיט די פיניציער האט רייך געמאכט דאס לאנד. די הויפשטאדט שֹׁמְרוֹן האט זיך אויסגעצייכענט מיט שענע רייכע פאלאצען פון גרויסע עֲשִׁירִים. דער מלך אליין האט געהאט צוויי פאלאצען: א זומערדיגען און א ווינטערדיגען. די רייכע און די יַחסָנִים האבען געבויט זייערע הייזער פון געהאקטע שטיינער און בעפוצט זיי מיט העלפאנדביין. פון די טייערסטע שטאפען האבען זיי געמאכט זייערע קליידער און האבען געגעסען די בעסטע שפייזען און געטרינקען די בעסטע וויינען און זיך געשמירט מיט די בעסטע איילען און בְּשָׂמִים. אין די פאלאצען האט מען געשפילט און געזונגען, געהוליעט און געטאנצט און די פרויען האבען געפיהרט א פרעהליך לייכטזיניג לעבען. די מאנען האבען זיך געיאגט נאך לייכטע פערדינסטען און האבען שטארק געדריקט די ארבייטערמאסען. זיי האבען אבגעגעבען זייערע געלדער אויף גרויסע פראצענטען, און ווען די ארימע לייהער האבען נישט געקאנט בעצאהלען צו דער בעשטימטער צייט, האט מען פערקויפט זייער האב-און-גוטס, אדער זיי אליין פערקויפט פאר קנעכט. אין די הונגער-יאהרען האבען די רייכע פערקויפט זייערע אנגעזאמעלטע תבואות פאר גרויסע פרייזען, און די סוחרים האבען גענארט אין דער וואג און מאס. די ריכטער און די הארען זענען געשטאנען אויפ'ן צד פון די רייכע און שטארקע און האבען פאלש גע'משפט; שֹׁחַד האבען זיי גענומען. די כהנים האבען זיך אויך געיאגט נאך עֲשִׁירוּת און תענוגים.

גערענדיג אַ שלעכטען ביישפּיל דעם פֿאָלק. די שענע מנהגים, די גוטע מִדוֹת זענען פערשוואונדען געוואָרען און שלעכטע מענשען האָבען געטהאָן, וואָס זיי האָבען געוואָלט. די בני־הַנְבִיאִים, וואָס האָבען געלעבט נאָך אֵלִיָהוּ'ן און אֱלִישָע'ן זענען אויך אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם פרעהליכען און אויס־געלאַסענעם לעבען. די רייכע זינדיגע קלאַסען האָבען גאָרנישט געוואָלט הערען אַ גוט עהרליך וואָרט און צו די נביאים פלעגען זיי זאָגען: „רעדט צו אונז פון לוסטיגע און אָנגענעהמע זאַכען". און די נביאים האָבען געפאָלגט און גערעדט נאָר דאָס, וואָס האָט געקאָנט געפעלען און דערפרעהען דאָס הארץ פון די שָׂרִים, פון די שטאַרקע און גליקליכע.

פראגען: וואָס פאַר אַ מלך איז געווען יָרָבְעָם דער צווייטער? — מיט וואָסער מלוכה האָט ער מלחמה געהאלטען און וואָס פאַר אַ שטאָדט האָט ער איינגענומען? — ווי אזוי האָט אויסגעזעהען די מלוכת־ישראל אין זיינע צייטען? — וואָס פאַר אַ ווירקונג אויף'ן לאנד האָט געהאַט דער פיניצער האַנדעל? — ווי אזוי האָבען אויסגעזעהען די גרויסע שטעדט? — ווי האָבען דעמאָלט געלעבט און זיך אויפגעפיהרט די רייכע קלאַסען? — וואָס האָבען די נביאים געטהאָן? —

58. די נייַע נביאים.

אין דעם טומעלדיגען, רוישיגען און אויסגעלאַסענעם לעבען פון פאָלק האָבען דאָך געבליהט שענע, ליכטיגע געדאַנקען אין די הערצער פון די אויס־דערוועהלטע פון פאָלק. נייַע מענשען מיט נייַע הערצער זענען אויפגעשטאַנען און זיי האָבען געבראַכט דער וועלט נייַע געדאַנקען, נייַע ווערטער און מַעֲשִׂים. און אָט די נייַע מענשען־נביאים האָבען פערגעסען אין געפאַהר און שרעק, ווען זיי האָבען געזעהן, אז דאָס פאָלק האַלט ביים אונטערגעהן. אין צייטען פון גרויסע געשעהענישען, ווען דאָס לאַנד איז געגאַנגען צום אָבגרונד האָבען זיך בעוויזען דיזאָזיגע נביאים. אָבער זיי זענען שוין מעהר נישט געקומען צום פאָלק מיט מופתים און וואונדער: זיי זענען געקומען מיט דעם גרויסען בע־גייסטערטען געטליכען וואָרט. פון די שלעכטע פערדאָרבענע הערצער האָבען זיי געוואָלט ארויסרייסען אנ'אֱמֶת'ן וועה־געשריי און פון גוֹלָנ'ישע אויגען —

א ווארימע טרעהר פון חרטה אויף די שווערע פערברעכענס, וואס זענען בעגאנגען געוואָרען געגען אַלמנות און יתומים, געגען אָרימע, בעדריקטע און אונגליקליכע. ווי א לעבעדיגער קוואל, האָט אין נְבִיא׳ס הארץ געשלאָגען די ליבע צום פאָלק, צו זיין תּוֹרָה און זיין גאָט. די נביאים פלעגען אויך טרייסטען דאס פאָלק, און איהם אָנצייכענען בילדער פון א שען, ריין לעבען, פול שָׁלוֹם און ליבע, וואס וועט נאָך אמאָל זיין, ווען מענשען וועלען בעסער ווערען אויף דער וועלט.

היינטיגע צייטען זענען שוין נישטאָ מעהר קיין נביאים. די שטארקע מענשען מיט גאָט׳ס וואָרט אויף די ליפען ווייזען זיך שוין נישט מעהר. ווענען זיי קלערט מען ווי וועגען אנ׳עָבָר, וואס קומט שוין נישט צוריק. און דריבער איז דער סֵפֶר־הַסְפָרִים, דער תַּנַ״ךְ, נאָך ביז היינטיגען טאָג א וועגווייזער, א העל נאכט־ליכט פאר אלע מענשען, וואס זעטיגט זייער נשמה מיט האָפנונג, טרייסט און גלויבען.

פראגען: וואס האָבען געוואָלט די נֶמֶע נביאים? — ווי אזוי האָט זיי אויסגעזעהן דאס לעבען פון לאנד? — געגען וועמען האָבען זיי געקעמפט? —

---

59. עמוס.

ישראָל האָט געפייערט זיין נצחון איבער אָרָם. די הויפּטשטאָדט שֹמְרוֹן איז פול געווען מיט אלערליי פאַלשע נביאים, וואָהרזאָגערינס, טרעפער א. ד. גל. אין דערדאָזיגער צייט האָט זיך געוואָרפען אין די אויגען א מאן אָנגעטאָן ווי א פאסטוך, מיט א שטעקען אין האנד. געהייסען האָט דערדאָזיגער פאסטוך עָמוֹס. פון ווייט איז ער געקומען, פון די יהודה־בערג, פונ׳ם מִדְבָּר, וואו ער האָט זיך אָפט בעגעגענט מיט די אנטרונענע פון צפון, וואס זענען אנטלאָפען פון זייער היים מיט קְלָלוֹת אויף די לעפצען. פון דידאָזיגע מענשען האָט ער זיך אָנגעהערט א סך שרעקליכע מַעֲשִׂיוֹת, וואס האָבען געשילדערט דאס זינדיגע לעבען פון מלוכת־ישראָל; ער האָט געהערט פון עַוְלוֹת און צָרוֹת, פון פאַלשע ריכטער, פון פאלש־פער׳משפּט׳ע, פון דרוק און יאָך, פון שכרות און שמחות אויפ׳ן רוקען פון אָרימען פאָלק, וואס איז פערזונקען אין געצענדינעריי און

האָט פּערגעסען אין איינציגען גאָט. הונדערטער שטאַרבען פון הונגער, איינצעלנע פראוּוען גרויסע מאָלצייטען. און אָט האָט זיך עָמוס איינמאָל אויפגעהויבען און איז אוועק קיין בֵּית־אֵל; ער האָט געפּיהלט, אז גאָט שיקט איהם צו שטראָפען דאָס פאָלק און ארויספיהרען עס אויפ׳ן אמת׳ן וועג. ער האָט פאָר-געזעהן דעם חוּרבָּן פון דער מלוּכָה שֹׁמְרוֹן, אָבער ער האָט איהם געוואָלט אויסמיידען און געפאָדערט פון פאָלק טאָן גוט׳ס, וויל גוטע מעשים שטעהען העכער פון קרבנות. געקומען פון די שטילע יהודה-בערג און דערזעהן דאָס פאַלשע רוישיגע לעבען, האָט זיך אין איהם אָנגעצונדען דער געטליכער פונק, און ער האָט געזאָגט: „איך האָב פיינד אייערע ימים-טובים, און איך וועל נישט שמעקען דעם רֵיחַ פון אייערע קרבנות. אייערע מַתָּנוֹת נעהם איך נישט אָן און אויף אייערע פעטע קָרבָּנוֹת קוק איך נישט. נעהמט-אוועק פון מיר דאָס געטומעל פון אייערע לידער, און דאָס שפּילען פון אייערע פידלען וויל איך נישט הערען. זאָל בעסער, ווי וואסער פליסען דער אָמת ביי אייך און די גערעכטיגקייט, ווי א שטארקער טייך!“

„וועה איז צו די, וואָס ליגען אויף בעטען פון העלפאנדביין און עסען דאָס פלייש פון די פעטע קעלבער, זינגען דעם ניגון נאָך דעם פידעל, טרינקען ווײַן פון גרויסע באָקאלען און שמירען זיך מיט די בעסטע שמעקענדיגע בשׂמים. אוועק וועלען זיי אלע אין געפענגניש און זייער שִׂמְחָה און זייערע רייכע סעודות וועלען אָבגעטאָן ווערען פון זיי!“.

דאָס איז געווען דאָס מעכטיגע, מיט פייער אָנגעזאָפּטע וואָרט פון עָמוס׳ן, דער מאן מיט׳ן שטעקען אין דער האנד, וואָס איז געקומען פון די שטילע יהוּדָה-בערג.

פראגען: פון וואנען איז עָמוֹס געקומען? — וואָס האָט ער געזעהן אין די שטעדט? — וואָס האָט ער געזאָגט צום פאָלק? — וואָס האָט ער פאָרגעזעהן?

---

60. אנדערע נביאִים.

אין דערזעלבער צייט האָבען נביאוֹת געזאָגט אויך אנדערע נבִיאִים, ווי יוֹאֵל און יוֹנָה. דער נָבִיא האָט נישט נאָר געשטראָפט און גערעדט צום

יודישען פאָלק, נאָר אויך צו די פרעמדע פעלקער. אָט וואָס עס ווערט דער־צעהלט וועגען יוֹנָה׳ן. גאָט האָט זיך בעוויזען צו יוֹנָה הַנָבִיא און איהם בעפוילען:

— געה און רוף־אויס אין די גאסען פון נִינְוֵה (די הויפּשטאָדט פון אלטען אַשור): אין פערציג טעג ארום וועט חָרוּב ווערען די שטאָדט צוליב איהרע זינד! אָבער יוֹנָה איז אנטלאָפען פאר גאָט און נישט געוואָלט אויספיהרען זיין שְׁלִיחוּת. ער איז אוועק קיין יָפוֹ און פון דאָרט איז ער מיט א שיף אָפּ־געשוואומען קיין תַּרְשִׁישׁ. אָבגעפאָהרען א טאָג מיט דער שיף, האָט פלוצלונג אויסגעבראָכען א שטורם־ווינד. אָבער אין דער אייגענער צייט שווימען אַלע שיפען רוהיג, נאָר ארום יוֹנָה׳ס שיף קאָכט לינקס און רעכטס, שפּרינגען די כוואליעס צום הימעל און די שיף האלט ביים אונטערגעהן. האָבען אלע מענשען מִתְפַּלֵל־געווען יעדער צו זיין גאָט און מען האָט ארויסגעוואָרפען אין יַם אריין די כֵּלִים, לייכטער צו מאכען די שיף, אָבער יוֹנָה, וואָס האָט זיך בעהאלטען אין א ווינקעל פון שיף, איז דאָרט שטארק איינגעשלאָפען. האָט איהם דער קאפּיטאן פון שיף בעמערקט און אויפגעוועקט איהם, ער זאָל אויך בעטען צו גאָט. נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבען וואַרפען גוֹרָל, צוליב וועמען איז דאָס אויסגעבראָכען אזא שטורם, און דער גורל איז געפאלען אויף יוֹנָה׳ן. האָט יוֹנָה זיי דערצעהלט דעם גאנצען אֱמֶת און זיך נאָכדעם אָנגערופען: „הויבט מיך אויף און ווארפט מיך אר׳ין אין יַם אריין, אזוי וועט דער יַם געשטילט ווערען“. האָבען זיי אזוי געטאָן, און דער יַם האָט זיך איינגעשטילט אין זיין צאָרן.

איז געקומען א גרויסער פיש מיט׳ן נאָמען לִוְיָתָן און איינגעשלונגען יוֹנָה׳ן. אין יוֹנָה אריין אין פיש, ווי אין אַ גרויסען זאַל און די אויגען פונ׳ם פיש האָבען בעלויכטען דעם זאַל, ווי צוויי גרויסע פענסטער. דריי טעג איז יוֹנָה געווען אין לִוְיָתָנ׳ס גוף און נאָכדעם איז ער דורכ׳ן פיש אויסגעשפּיגען געוואָרען אויף דער יַבָּשָׁה.

און אויף דער יַבָּשָׁה האָט יוֹנָה ווידער געהערט גאָטס שטים: „געה קיין נִינְוֵה“.

איז יונה אוועק קיין נִינְוֵה, גערעדט און געשטראָפט די רְשָׁעִים, וואָס פערדארבען דאָס לעבען. האָבען די מענשען זיך צוגעהערט צו די שטארקע ווערטער, איז מען בעסער און מילדער געוואָרען און די גרויסע שטאָדט, וואָס האָט אַמאָל געהאַט מעהר ווי 120 טויזענד איינוואוינער, איז נִיצוֹל גע־געוואָרען פון חורבּן.

פראגען: וואָס האָט גאָט געזאָגט צו יוֹנָה'ן? — וואָס האָט יוֹנָה געטאָן? — וואָס איז געשעהן מיט איהם אויפ'ן שיף? — וואָס איז געשעהן מיט איהם אין יַם? — וואָס האָט יונה נאָכדעם געטאָן?

---

61. דאָסווירטשאַפטליכע לעבען.

נאָכ'ן איינגעהמען כְּנַעַן, ווען די יודען זענען געוואָרען אוים וואַנדער־פאָלק, איז ערד־ארבייט געוואָרען די הויפּטארבייט. אין די געביטען פון דער צווייטער זייט יַרְדֵּן האָט די בעפעלקערונג זיך פערנומען איבערהויפּט מיט פיהצוכט. ערד־ארבייט האָט זיך גערעכענט פאר דער נאַטירליכסטער ארבייט, צו וואָס דער מענש איז גערופען געוואָרען. די עקשנות'דיגע פראצע פון ערד־ארבייט האָט פערוואַנדעלט די פאלעסטינער זאמדען אין א בליהענדיגען גאָרטען. די פלאכלענדער און טאָלען זענען בעדעקט געוואָרען מיט פולע זאנגען און ביי די צופוסענס פון די בערג זענען געלעגען גרינע גַן־עֶדֶן'דיגע ווייַן־גערטנער און פּלאַנטאַציעס.

וויין־אויסארבייטונג און גערטנעריי זענען געווען פערשפּרייט נישט נאָר אין דאָרף, אָבער אויך אין דער שטאָדט. די ארבייט האָט גלייך געמאכט דעם פּשוט'ן מענש מיט'ן יַחְסָן, מיט'ן האר, דעם עֲנִיוּת'דיגען דאָרפסמאַן מיט דעם שטאַרקען געזעלשאַפטליכען כלל־טוער פון דער שטאָדט. דער מֶלֶךְ שָׁאוּל, איידער ער איז א מֶלֶךְ געווען, איז נאָכגעגאַנגען דעם אקעראייזען, דָוִד איז געווען א פאסטוך, און דער נָבִיא אֱלִישָׁע האָט זיך פערנומען מיט ערדארבייט.

פריהלינג זענען צייטיג געוואָרען די תבואות, סוף זומער זענען צייטיג געוואָרען די וויינטרויבען. צו דידאָזיגע מאָמענטען זענען צוגעפּאסט געוואָרען די גרויסע יעהרליכע יוֹמִים־טוֹבִים. פֶּסַח — דער יום־טוב, ווען עס זענען געוואָרען צייטיג די תבואות (חַג הָאָבִיב), שבועות — דער יום־טוב פון שניט (חַג הַקָּצִיר), סֻכּוֹת — דער יום־טוב פון אויפזאמלען פון שייער אין קעלער (חַג הָאָסִיף).

צו די אלטע מִנְהָגִים פון דער יודישער אֱמוּנָה, וואָס האָט געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער געזעלשאפט, רעכענט מען צו דעם שַׁבָּת, דעם זיבעטען טאָג פון דער וואָך. אין דעם עלטסטען בוך פון די חוּמָשִׁים, אין שמוֹת ווערט געזאָגט: „זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיין ארבייט, אויפ'ן זיבעטען טאָג

זאָלסטו רוהען, דיין אָקס און דיין אייזעל זאָל רוהען, און דער זוהן פון דיין דינסט, און דער גֵר זאָלען זיך דערקוויקען. רוה אויך, ווען דו אקערסט, און אין דער צייט פון שניידען". אַפִילוּ די ערד אליין האָט אייך בעדארפט אָברוהען איין מאָל אין זיבען יאָהר. „זעקס יאָהר זאָלסטו זייהען דיין לאנד, און דו זאָלסט איינזאמלען דיין תבואה, אָבער דאָס זיבעטע יאָהר זאָלסטו עס לאָזען רוהען און פערלאָזען, אז די אָרימע פון דיין פאָלק זאָלען עסען, און דאָס איבעריגע זאָלען די חַיוֹת פון דעם פעלד עסען. אזוי זאָלסטו טאָן צו דיין וויינגאָרטען און צו דיין איילגאָרטען".

דערדאָזיגער דין האָט געהאט זיין שֹרֶש אין די בעזונדערע אייגענשאפטען פונ'ם פאלעסטינער באָדען.

דאָרט, וואו מען האָט זיך עַל־פִּי־רוֹב פערנומען מיט ערדארבייט, איז דאָס לעבען געווען פָּשוט און עֲנִיוּוּת'דיג. די הייזער האָט מען געבויט פון האָלץ און ליים. די הויז־מַכשִירִים האָבען זיך אויך אויסגעצייכענט מיט זייער פָּשוּט'קייט. אזוי געפינען מיר, אז אין אֶלִישע'ס צימער — און ער האָט שוין געוואוינט אין א רייכערער מִשפָּחָה —, איז דאָס גאנצע מעבעל בעשטאנען פון א בעט, א טיש, א שטוהל און א לייכטער. צום עסען האָט מען בענוצט ווייצען־ברויט אָדער גערשטען־ברויט, מצות געבאקט אויף בוימאייל, גרינסען און פרוכט. פלייש האָט דער דאָרפסמאן בענוצט בלויז אין א יום־טוב, ווען ער האָט אין שטאָדט א קָרבָּן געבראכט; א חלק פון דעם קָרבָּן האָט מען פערברענט, א טייל אָבגעגעבען דעם כֹּהֵן, און דאָס איבעריגע האָט מען בענוצט פאר זיך. די שטעדטישע איינוואוינער האָבען שוין געגעסען מעהר פלייש.

מיט דער צייט אָבער האָט זיך דאָס פָּשוּט'ע לעבען פון דאָרפסמאן א סַך געענדערט. דער מִסחָר האָט אָנגעהויבען קאָנקורירען מיט דער ערדארבייט. אמאָל האָבען די בְּנֵי־יִשׂרָאֵל זיך פאָרגעשטעלט דעם מִסחָר ווי א נישט בכבוד'־דיגע אונטערנעהמונג. „א סוֹחֵר האָט אין זיין האַנד א פאלשע וואָג" — זאָגט הוֹשֵעַ. גאָר די גוטע אלטע צייטען זענען פארביי, און א גרויסער טייל פון פאָלק איז א דאנק די אומשטענדען און דער עקאָנאָמישער לאגע אריינגעשטופט געוואָרען אין דער מִסחָר־וועלט. די מְלָכִים אליין, אָנגעהויבען פון שלֹמֹה'ן, האָבען דעם מסחר פערשפרייט. זיי האָבען געשיקט קאראוואנען, שיפען און געשיקט זיי אין די ווייטע לענדער אליין אָדער בשותפות מיט די פיניציער. אין די צייטען פון אַחאָב און יהוֹשָפָט האָט שוין דער מִסחָר געבליהט אין ביידע יודישע מלוכות. דאָס האָט זעהר געווירקט אויף דער ענטוויקלונג פון די

שטעדט. צוזאמען מיט דער ארבייט האָט זיך געשטעלט דער קאפיטאל: מען האָט אָנגעהויבען האנדלען מיט געשיר, מאכען הַלְוָאוֹת און פּראָצענטער. ווען דער לוֶה האָט נישט געצאָלט צו דער צייט, האָט דער מַלְוֶה געהאט דאָס רעכט צו פערקויפען איהם פאַר א שקלאַף, ווי עס האָט זיך גע־פיהרט בײַ אלע אלטע פעלקער. דער אונטערשייד צווישען רײַך און אָרים איז אַלץ געוואָרען בּוֹלט'ער, גרויסע נַחֲלָאוֹת און פּולווארקעס זענען פערבּליבען אין די הענד פון איינצעלנע רײַכע גוטבּעזיצער, די רײַכע האָבּען געבּויט זייערע הײַזער פון געשניצטען האָלץ און געלעבּט אין גרוים תַּעֲנוּג. די גרויסע לעהרער פון פאָלק, די נְבִיאִים, האָבּען געקעמפט געגען אזא אָרדנונג. זיי זענען ארויסגעטרעטען אין נאָמען פון מענשען־ליבּע און גוטע מִדּוֹת, צוזאמען מיט זיי האָט אויך געקעמפט דער אלטער דִין, וואָס האָט געזאָגט: „ווען דו האָסט עמעצען פונ'ם אָרימען פאָלק געליהען געלד, זײַ נישט קיין שטרענגער מאָהנער; נעהם נישט בּײַ די אָרימע קיין פּראָצענטען. ווען דו נעהמסט פאר א מַשְׁכּוֹן זײַן אויבּערשטען מאנטעל, זאָלסטו איהם אומקעהרן צו דער צײַט, ווען די זון פערגעהט, ווײַל דאָס איז דאָך זײַן קאָלדרע, מיט וועלכער ער דעקט זיך צו, דאָס איז דאָך זײַן בֶּגֶד, אין וועלכען ער וויקעלט אײַן זײַן גוף".



א האנדעלס־שיף אין דער צײַט פון שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ.

אָבּער דאָס לעבּען האָט זיך נישט גערעכענט מיט די הויכע פאָדערונגען פון דִין; די פײַערדיגע ווערטער פון נָבִיא האָבּען אויך נישט געקאָנט אָפּ־האלטען דאָס יודישע פאָלק פון צו נעהמען אנ'אָנטייל אין דעם פעלקערהאנדעל פון מִזְרָח, און דער האנדעל האָט געבּליהט.

פראגען: ווען איז ערדארבּייט געוואָרען בּײַ יודען די הויפּטארבּייט? — וואָס האָט מען זיך בּײַ יודען בּעשעפטיגט מיט פיהצוכט? — וואָס פאר א ווירקונג האָט די ארבּייט געהאט אויפ'ן לעבּען פון פאָלק? —

וואָס ווערט דאָ געזאָגט וועגען די יָמִים־טוֹבִים און שַׁבָּת? — וואָס פאר א ווירקונג האָט געהאט דער מִסְחָר אויפ׳ן לעבען פון פאָלק? — ווען האָבען זיך ענטוויקעלט די הַלְוָאוֹת און פּראָצענטען? — ווען האָט אָנגעהויבען פונקציאָנירען דער קאפּיטאל? — פארוואָס האָבען די נְבִיאִים געקעמפּפט מיט דער נייער מִסְחָר־וועלט? — וואָס האָט געזאָגט דער אלטער דִין? —

62. דאָס פאמיליען־לעבען.

דאָס פאמיליען־לעבען ביי די אלטע בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל איז געשטאנען אויף א העכערער שטופע, ווי ביי די ארומיגע פעלקער. פּאָליגאמיע (א סַך פרויען) איז געווען א זעלטענע דערשיינונג, מאָנאָגאמיע (איין פרוי) איז געווען די געוועהנליכע פאָרם פון פאמיליען־לעבען. נאָר דער מֶלֶך האָט געמעגט האָבען אַ סַך פרויען, קענטיג, צו פערמעהרען און פערצווייגען די דינאסטיע. נאָר אויך די מְלָכִים, נאָך שְׁלֹמֹה׳ן, האָבען זיך מיט דעם רעכט נישט בענוצט. רייכע האָבען געוועהנליך נישט געהאט מעהר ווי צוויי פרויען, און דעמאָלט איז אויך געווען געוועהנליך מַחְלוֹקֶת: איינע האָט פיינט געהאט דער צווייטער. פאר דער חֲתוּנָה מיט א מיידעל פלעגט דער חָתָן ארייַנטראָגען דעם פאָטער פון דער כַּלָּה א געוויסע סומע אויסקויפגעלד (מֹהַר). אזא מִנְהָג עקזיסטירט נאָך איצט אויך ביי א סַך מִזְרָח־פעלקער. אין די אלטע צייטען פלעגט מען זיך מְחַתֵּן־זיין מיט גאָר נאָהנטע קְרוֹבִים. דערנאָך אָבער איז דאָס פערוועהרט געוואָרען. די עלטערן זענען בעזעסען א געוואלטיגע מאכט. פאר בעליידיגען דעם פאָטער אָדער דער מוטער פלעגט קומען טויטשטראָף. כִּבּוּד־אֵם האָט מען בעדארפט מְקַיֵּם־זיין אזוי גוט ווי כִּבּוּד־אָב.

די שקלאפעריי האָט זיך נישט אויסגעדריקט ביי די יודען אין אזא גראָבער פאָרם, ווי ביי אנדערע פעלקער. דער שקלאַף און די שקלאפין האָבען זיך גערעכענט פאר מיטגלידער פון דער מִשְׁפָּחָה. א שקלאַף א יוד האָט, לְמָשָׁל, בעדארפט דינען דעם בַּעַל־הַבַּיִת בלויז זעקס יאָהר, און אויפ׳ן זיבעטען האָט דער בַּעַל־הַבַּיִת איהם געמוזט בעפרייען. ווען דער יודישער שקלאַף האָט אָבער אליין נישט געוואָלט אויפ׳ן זיבעטען יאָהר אוועק פון זיין בַּעַל־הַבַּיִת, האָט דער מִשְׁפָּט בעפוילען צו מאכען איבער איהם די פאלגענדיגע אָפּעראציע: נעהמען דעם

טרייען שקלאף און אוועקשטעלען איהם נעבען דער מזוזה פון טיר און מיט אנ'אָל דורכשטעכען זיין אויער צו א סלופּ פון דער טיר-ראַהם. דאָס איז געווען א צייכען, אז דער שקלאף איז שוין אויף אייביג צוגעבונדען צו דעם הויז. נאָך דערדאָזיגער צערעמאָניע איז שוין דער שקלאף פערבליבען אנ'-אייביג אייגענטום פון זיין האר.

פראגען: וואָס ווערט דאָ געזאָגט וועגען פאמיליען-לעבען ביי יודען? — וואָס פאר א שטראָף פלעגט קומען פאר ווידערשפעניגען די עלטערן? — וואָס ווערט דאָ געזאָגט וועגען דער שקלאפעריי ביי יודען? — וואָס פלעגט מען טהאָן דעם שקלאף, ווען ער האָט געוואָלט דינען דעם בעל-הבית נאָך זיבען יאָהר? —

---

63. די געזעלשאפט און די מלוכה.

בירגערעכט האָבען געהאט אלע פרייע פוליעהריגע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט. אפילו פרעמדע אָדער גרים האָבען כמעט געהאט אלע רעכט פון א פרייען בירגער. די פרעמדע און די גרים האָט דער דין געשיצט. אין די הייליגע ספרים ווערט א סך מאָל איבערגע'חזר'ט: „א פרעמדען זאָלסטו נישט דריקען: איהר פערשטעהט דאָך די לאגע פון א פרעמדען, ווייל גרים זענט איהר אליין געווען אין מצרים".

דינים — ריכטער זענען געווען בכבוד'יגע מענשען אָדער זקנים. זיי פלעגען זיצען און משפט'ן אין די „טויערן" פון שטאָדט, אויף אָפענע פלעצער. נאָר א שבועה פלעגט מען געבען ביים מזבח אָדער אין מקדש. די ריכטער פלעגען משפט'ן אלע ציווילע און קרימינעלע משפטים. אין גאָר וויכטיגע פאלען פלעגט מען זיך ווענדען דירעקט צום מלך.

דער מלך איז געווען דער העכסטער אָנפיהרער פון דער ארמעע, דער העכסטער מושל און דער ריכטער פון פאָלק. דער מלך האָט אויך געהאט זיינע לייב-היטער. דאָס צווייטע אָרט נאָכ'ן מלך האָט פערנומען דער פעלד-מארשאל — שר-צבא. מיליטערדינסט איז געווען א חוב פאר אלע פוליעהריגע בירגער, וואָס זענען בעזעסען אונבעוועגליך פערמעגען. וואָס די ארמעע איז גרעסער געוואָרען, אלץ מעהר איז בעפעסטיגט געוואָרען די שטאָדט, וואו

עס האָבּען זיך געפונען שטענדיגע גארניזאָנען. אין די צייטען פון די שופטים און שמואל האָבּען זיך די רוהיגע איינוואוינער בּעדארפט בּעהאלטען אין היילען און פעלזען בּשעת אנ'אָנפאל פון שונא; אין די צייטען פון די מלכים אָבּער געפינט שוין די בּעפעלקערונג א שוץ הינטער די ווענד פון די בּעפעסטיגטע שטעדט. על־פּי־רוב האָבּען יודען געפיהרט פערטיידיגונגס־מלחמות.

אויף אויסצוהאלטען דעם מלך'ס הויף זענען געווען בּעשטימט שטייער אין נאטור און געלד. דער מלך האָט אויך געהאט זיינע אייגענע אונבּעוועגליכע נחלאות, וואָס האָבּען איהם געבּראכט געוויסע רווחים. אָפט פלעגען די מלכים נעהמען געלד אויף מלחמה־הוצאות פון בּית־המקדש־אוצר, וואו עס איז געלעגען דאָס פאָלקס־געלד, ווי היינט אין די שפּאָרקאסעס.

צום מלך פלעגט מען זיך ווענדען נאָך גערעכטיגקייט, ווי צום העכסטען שופט. דער שוואכער פלעגט זיך קלאָגען פאר איהם קעגען שטארקערן,

שלמה־המלך'ס משפט.

א בּעליידיגטער – געגען בּעליידיגער; צו איהם פלעגט מען אויך אפּעלירען ווענען נישט קיין יושר'דיגען משפּט פון די ריכטער. א סך ציווילע און קרימינעלע משפּטים פון יענער צייט פלעגען בּעטראכט ווערען לויט די מנהגים פון פאָלק. דער אוראלטער מנהג „נקמה", וואָס האָט געגעבּען דאָס רעכט דעם קרוב פון דער'הרג'עטען פערזענליך צו דער'הרג'ענען דעם רוצח, האָט נאָך געהערשט

אינ׳ם פאָלק, אָבער די געזעצגעבער האָבען א היבש ביסעל שלעכטס דערווייטערט פון דעמדאָזיגען מִנְהָג. ווען דער מערדער האָט עס געטאָן בִּשׁוֹגֵג, האָט ער געקאָנט געפינען זיין רעטונג אין א מִקְדָּשׁ, אָדער אין א מִזְבֵּחַ אָדער אין די ספּעציעלע עָרֵי־מִקְלָט, וואו דער גוֹאֵל־הַדָּם האָט נישט געהאט קיין רעכט אריינצודרינגען. אָבער א מערדער בְּמֵזִיד האָט מען אַפִילוּ פון בית הַמִקְדָּשׁ צוגענומען און איהם גע׳מִשְׁפָּט. מיט דער צייט איז די פערטיידיגונג פון געהרג׳עטען אריבער פון גוֹאֵל־הַדָּם צו דער געזעלשאפט און געריכט. די אלטע פאָרם פון טויט־שטראָף איז געווען סְקִילָה (פערוואַרפען מיט שטיינער).

אין די אלטע מלוכות איז דער מֶלֶךְ אויך געווען דער גרעסטער גייסטליכער. אזא ראָל האָט אויך געשפילט אין געוויסע צייטען דער יודישער מֶלֶךְ. שָׁאוּל און דָּוִד האָבען, לְמָשָׁל, אין געוויסע הויכע און שענע מאָמענטען פערזענליך מַקְרִיב־געווען קָרְבָּנוֹת. אזוי האָבען זיך אייגענטליך געפיהרט די מְלָכִים פון דער מַלְכוּת־יִשְׂרָאֵל. אין יְהוּדָה אָבער האָבען די הויפט־ראָלע געשפילט די כֹּהֲנִים.

פראַגען: ווער האָט געהאט בירגער־רעכט ביי יודען? — וואָס ווערט געזאָגט וועגען די גֵּרִים און פרעמדע? — ווער זענען געווען די ריכטער? — אין וואָסער פאַל פלעגט מען זיך ווענדען צום מֶלֶךְ? — וואָס פאר א פונקציעס האָט געהאט דער מֶלֶךְ אויסער׳ן טראָן? — ווי אזוי פלעגט אויסגעהאלטען ווערען דעם מֶלֶךְ׳ס הויף? — וואָס ווערט דאָ געזאָגט וועגען די אלטע דִינִים און מִשְׁפָּטִים? —

---

64. די יודישע ימים־טובים און אמונה־צערמאָניעס.

אין יענער צייט האָבען די תפילות צוזאמען מיט די אַלע צערהמאָניעס, וואָס זענען בְּעֵת־מַעֲשֶׂה דורכגעפיהרט געוואָרען, פערנומען דעם ערשטען אָרט אין דער רעליגיע. דער צענטער איז געווען אין יְהוּדָה ירוּשָׁלַיִם און אין מְלוּכַת־יִשְׂרָאֵל — בֵּית־אֵל. עס זענען אויך געווען אַנדערע קלענערע צענטרען, וואו מען האָט גאָט געדינט. אין די פראָווינצען פון יהודה האָבען זיך געפונען א סַך פאָלקס־מִזְבְּחוֹת — בָּמוֹת, אויף בערגלעך; אָבער אזוינע בָּתֵּי־מִקְדָּשׁ, וואָס זאָלען קאָנען קאָנקורירען מיט ירוּשָׁלַיִם, זענען נישט געווען. אין

מלוכת־ישראל, אַ שטייגער, זענען, אויסער בית־אל אויך געווען אַ רייה געפעטהייוער אין דער הויפטשטאָדט שמרון, אין גלגל, דן און אַנדערע ערטער. במות און הייליגע בוימער אשרות זענען אין מלוכת־ישראל מעהר אנטוויקעלט געווען, ווי אין יהודה און נעהנטער צום קולט פון געצענדינערײ. די אַלטע מזבחות פלעגט מען בויען אויף בערג, אין וועלדלעך. דאָרט, וואו עס זענען נישט געווען קיין הויכע בוימער, פלעגט מען אוועקשטעלען נעבען מזבח אַ געקינסטעלטען בוים. אין די הייליגע ערטער פון דער יודישער מלוכה האָבען זיך געפונען גאָלדענע הייליגע סטאַטועס אין דער געשטאַלט פון אָקסען. אין ירושלים אפילו (ביז חזקיהו׳ס צייטען) איז געשטאַנען אַ גאָלדענער שלאַנג, ווי אַ סמל, וואָס האָט בלומר׳שט געהיילט פון אַ סך חולאת׳ן.

דאָס גאָט־דינסט איז בעשטאַנען פון תפלות און קרבנות. דער אוראַלטער מענש האָט געמיינט, אַז דורך בקשות און מתנות וועט ער בעשאָנקען ווערען מיט גאָט׳ס חסד. די קרבנות (ווי בײַ די אַלטע גריכען) האָבען געהאַט אַ סימבאָלישע בעדײַטונג: דאָס פלייש פון דער בהמה, וואָס דערפון איז אַ חלק פערברענט געוואָרען אויפ׳ן מזבח לכבוד גאָט, האָט מען געמעגט עסען. דאָס בלוט פון קרבן האָט מען אינגאַנצען אויסגעגאָסען אויפ׳ן מזבח. לויט׳ן אַלטען מנהג איז געווען אָסור צו עסען פלייש מיט בלוט. מען פלעגט אויך ברענגען קרבנות פון אייל און וויין. דער מזבח איז געווען אַ מקום־קדוש, און יעדע סעודה, וואָס מען האָט געפראַוועט בײַם מזבח, איז שוין געווען אַ הייליגע צערעמאָניע.

אין די יום־טוב׳דיגע טעג זענען דידאָזיגע סעודות אַדורכגעפיהרט געוואָרען מיט גרויס פאַראַד און גלאַנץ. אָט וואָס עס ווערט געזאָגט וועגען דעם אין די רעגיליעזע חוקים פון ספר־התורה:

„היט־אָב דעם חדש אביב, און זאָלסט מאַכען פסח פאַר יהוה דײַן גאָט, וואָרום אין דעמדאָזיגען חדש האָט דיך יהוה דײַן גאָט ארויסגעפיהרט בײַנאַכט פון מצרים. און דו זאָלסט שעכטען אַ קרבן־פסח צו דײַן גאָט יהוה, שאָף און רינדער, אויף דעם אָרט, וואָס יהוה וועט אויסקלײַבען, צו לאָזען רוהען זײַן נאָמען דערויף. זאָלסט נישט עסען מיט איהם קיין חמץ. זיבען טעג זאָלסטו עסען מיט איהם מצות, אָרים ברויט, בכדי דו זאָלסט געדענקען דעם טאָג, ווען דו ביזט ארויסגעגאַנגען פון מצרים, אַלע טעג פון דײַן לעבען.

„זיבען וואָכען זאָלסטו זיך אָפצעהלען, זינט דער שנײַדמעסער ווערט

דורכגענאַנגען איבער די שטעהענדיגע תבואה און דערנאָך זאָלסטו מאַכען דעם יום-טוב שבועוֹת. און דו זאָלסט זיך פֿרעהען, דו און דיין זוהן, און דיינע טעכטער, און דיין קנעכט, דיין דינסטמויד און דער לוי, וואָס איז אין דיינע טויערן, און דער גר, דער יתום און די אלמנה, וואָס זענען צווישען דיר.

„דעם יום-טוב סכות זאָלסטו מאַכען זיבען טעג, ווען דו וועסט איינזאמלען אין דיינע שייערן און דיינע קעלטערס, און דיין גאַנצע משפחה, פֿרעמדע, יתומים און אלמנות זאָלען זיך פֿרעהען מיט דיר אין דעם יום-טוב".

די יודישע אמונה אין דער צייט פֿון ביידע מלוכות האָט פֿאָרגעשטעלט מיט זיך אַ צוזאַמענשטעל פֿון פערשידענע אנשויאונגען: דער פשוט'ער מענש האָט פערשטאַנען די אמונה נישט אַזוי ווי דער נאָכפֿאָלגער פֿון די נביאים. ער האָט, ערשטענס, געהאַלטען יהוה'ן פֿאַר זיין שבט-גאָט, ווי די פיניציער האָבען געהאַלטען דעם בעל פֿאַר זייער גאָט און, צווייטענס, האָט ער זיך נאָך נישט געקאָנט בעגעהן אָהן אַ ממשות'דיגען סמל פֿון יהוה.

אָבער די בעסערע מענשען—די נביאים און זייערע תלמידים האָבען שוין געלערנט, אַז יהוה'ן קאָן מען נישט בעגרייפען דורך ממשות'דיגע בעווייזען, אַז יהוה איז דער גאָט פֿון ישראל און גלייכצייטיג אויך דער איינציגער גאָט פֿון דער גאַנצער וועלט, דער בורא פֿון דער נאַטור און מענשען, און מיט דעם בעגריף האָבען זיי פֿעראייניגט דעם בעגריף פֿון יושר און ליבע, אַז גאָט פֿאָדערט פֿון מענשען נישט בלויז תפילות און קרבנות, נאָר אויך ליבע און גוטסקייט. נישט די עבודה, נאָר די ליבע צום צווייטען איז דער עיקר פֿון דער אמונה.

פֿראגען: וואָס האָט פֿערנומען דאָס ערשטע אָ"ט אין דער רעליגיע?
וואָס ווערט געזאָגט אין דער תורה וועגען יום-טוב פסח?
וואָס — וועגן שבועות און סכות? — ווי האָט פערשטאַנען דער פשוט'ער מענש די אמונה? —

---

65. די שריפֿטען.

הונדערטער יאָהרען איז די גאַנצע גייסטיגע שאַפֿונג פֿון יודישען פֿאָלק בעשטאַנען אין מונדליכע אַגדות. די לעגענדע וועגען בריאַת-העולם, וועגען דער אַנטשטעהונג פֿון דער וועלט און פֿעלקער, די אַגדות וועגען עבר, וועגען די ליידען און פֿריידען פֿון פֿאָלק, וועגען זיינע מלחמות, מפּלות און נצחונות און אויך די מעשיות וועגען זיינע העלדען, נביאים, לערער און מלכים און, צום סוף, די דינים וועגען דעם אַרט לעבען און מנהגים—דאָס אַלץ האָט געלעבט

אין זכרון פון פאָלק און האָט זיך איבערגעגעבען בעל-פה פון דור צו דור.

אַ סך לעגענדעס זענען אויסגעוואַקסען געוואָרען אין דער פאָרם פון פאָלקס-לידער. די עשרת-הדברות האָט מען איינגע׳חזר׳ט אויסענווייניג און נאָך גאָר אין די אַלטע-אַלטע צייטען זענען זיי שוין געווען אויסגעקריצט אויף שטיינערנע טאָוולען. די כהנים, לוים און נביאים זענען געווען די שומרים פון דער תורה שבעל-פה,—דער גייסטיגער אוצר פון פאָלק. נאָר מיט דער ענטוויקלונג פון פאָלק האָט זיך ביי אונז פערשפּרייט די קונסט פון שרייבען, וואָס איז שוין געווען בעקאַנט די פיניציער און אַנדערע מזרח-פעלקער. און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבען די פערקערפּערונג פון די לעגענדעס אין שריפטען, צו פערבעהאַלטען עס פאַר די קומענדיגע דורות.

די קונסט פון שרייבען האָבען שוין די יודען געוואוסט נאָך אין די צייטען פון דוד און שלמה. דאָס וואָרט „מזכיר"—„סעקרעטאַר" ווערט שוין דעמאָלט דערמאָנט. אויך ביי די שפּעטערדיגע מלכים זענען געווען אזעלכע „מזכירים", וואָס האָבען פערשריבען די אַלע וויכטיגע געשעהענישען און מלחמות וואָס זענען פאָרגעקומען אין זייערע צייטען. אַ סך ביכער פון יענער צייט זענען פערפאַלען געוואָרען און נאָר מאַנכע שיריים זענען על-פי-נס פערבליבען און האָבען דערגרייכט צו אונז.

ביים סוף פון חורבן מלכות-ישראל זענען צונויפגעשטעלט געוואָרען די פינף ביכער תורה, ווי אויך יהושע. שופטים, שמואל און מלכים, ווייל דעמאָלט איז שוין די קונסט פון שרייבען געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה.

אין דידאָזיגע ביכער זענען די איינפאַכע פאָלקס-מעשיות פערוואַנדעלט געוואָרען אין לעהר-ביכער מיט אַ טיפען מאָראַלישען זין. ווי שיין און האַרציג עס ווערען, אַ שטיינער, בעשריבען די אבות! ווי קלאָר און בולט ווערט געשילדערט דאָס לעבען פון די יודען אין מצרים. בעוואונדערנס ווייך און זאַנפט ווערט געמאָלט די מוטער רחל, יעקב מיט די קינדער, יוספ׳ס ליידען, משה אין מצרים און אַז. וו.

פון 8-טען יאָהרהונדערט פאַר דער נייער ערא הויבען שוין אָן די נביאים צו פערשרייבען זייערע שטאַרקע און שענע ווערטער. עמוס, ישעיהו, ירמיהו און אַנדערע האָבען שוין איבערגעלאָזט פאַר די קומענדיגע דורות אַן׳אייביגען שפּרודעלדיגען קוואַל פון וואָרט און געדאַנק, פאַרב און בילד.

פראַגען: אין וואָס פאַר אַ פאָרם האָבען אַמאָל עקזיסטירט ביי יודען די לעגענדעס און אגדות?
וואָס האָט מען געטאָן מיט די עשרת-הדברות?
ווען זענען יודען בעקאַנט געוואָרען מיט דער קונסט פון שרייבען?
ווען איז פערשריבען געוואָרען די תורה, יהושע, שופטים, שמואל און מלכים?

66. אומרוהיגע צייטען אין מלוכת-ישראל.

ירבעם איז געווען דער לעצטער יודישער מלך, וואס האט דערהויבען און רייך געמאכט די יודישע מלוכה. געהערשט האט ער 60 יאהר. נאך זיין טויט איז געווארען מלך זיין זוהן זכריה. זכריה האט אינגאנצען געהערשט 6 חדשים. איינער א שלום האט אויפגעהויבען א מרידה און אויף די אויגען פון פאלק אים געטויט. זכריה איז געווען דער לעצטער מלך פון יהוא'ס משפחה.

דער רוצח איז געווארען מלך, אבער אין א חודש ארום איז ער געטויט געווארען פון מנחם בן גדי. דער איינענער מנחם האט מיט גרויס אכזריות אומגעבראכט די אלע, וואס האבען נישט געוואלט איהם פאר א מלך. א שטאדט מיט'ן נאמען תפסח האט מנחם אינגאנצען פערניכטעט מיט אלע איהרע איינוואוינער סיי אלט, סיי יונג, ווייל זיי האבען נישט געוואלט אויפנעהמען צו זיך דעם נישט-געזאלבטען מלך. א ברידער-מלחמה האט זיך אנגעהויבען אין מלוכת-ישראל, און אויפגעהערט האט זי צוליב דעם שטארקען שונא, וואס האט זיך גערוקט פון מעסאפאטאמיע. דאס איז געווען דאס קריגערישע פאלק אשור, וואס האט געשאפען א גרויסע מלוכה צווישען די טייכען פרת און חדקל.

פול, דער מלך פון אשור, האט זיך פלוצים בעוויזען מיט זיינע מוראדיגע חילות ביי די גרעניצען פון ישראל. פון אנהויב איז ער בעפאלען די צפונ'דיגע שבטים, וואו ער האט גענומען א סך געפאנגענע צוזאמען מיט זייער האב און גוטס און נאכדיעם האט ער זיך צוגערוקט צו דער הויפט-שטאדט שמרון. מנחם האט זיך געפונען צווישען צוויי פלאמען: צווישען פאלק ישראל, וואס האט איהם שרעקליך פערהאסט און דעם אויסערליכען שונא.

מנחם האט זיך געווענדט נאך הילף צום שונא געגען זיין פאלק. מיט א סך מתנות, גאלד און זילבער, וואס ער האט צונויפגעשלעפט פון פאלק, האט ער אונטערגעקויפט דעם מלך פון אשור, און יענער האט בעשטעטיגט זיין מלוכה. די אשורים זענען אוועק, אבער איצט איז שוין ישראל געווארען אבהענגיג פון אשור.

נאנצע צעהן יאהר האט מנחם געוועלטיגט און יאהר-יעהרליך געצאהלט מס אשור. נאך זיין טויט איז געווארען מלך זיין זוהן פקחיה, וואס האט געהערשט צוויי יאהר. זיין הויפטמאן, פקח, א זוהן פון רמליהו, האט איהם געטויט און געווארען מלך אויף זיין ארט. פקח איז געווען א דרייסטער און ענערגישער מאן.

שווער איז געווען די בני-ישראל צו צאָלען מס די אשורים און זיין אָבּ-הענגיג פון זיי. אויך די פיניציער און די ארמים האָבען נישט געקאָנט פערטראָגען דעם יאָך פון די אשורים. אלע האָבען געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט, צו בעפרייען זיך פון דעמדראָזיגען פערשאָלטענעם יאָך.

אז דער מלך פון אשור איז געשטאָרבען, זענען די פיניצער און די ארמים אויפגעשטאַנען געגען די אשורים, און מען האָט אויפגעהערט צו צאָהלען מס. דעמאָלט האָבען זיך אויך בעהעפט צו זיי די בני-ישראל. מען האָט אויך גערעכענט, אז דער מלך פון מצרים וועט זיי קומען צו הילף.

פראַגען: וויפיל צייט האָט ירבעם געוועלטיגט?
ווער איז געוואָרען מלך נאָך איהם?
וויפיל יאָהר האָט מנחם געוועלטיגט?
וואָס איז געשעהן, ווען דער מלך פון אַשור איז געשטאָרבען?

67. דער סוף פון דער מלוכת-ישראל.

די פערבינדעטע האָבען אויך געוואָלט צוציהען אויף זייער זייט דעם מלך פון יהודה, האָט ער אָבער נישט געוואָלט צושטעהן צו זיי און דעמאָלט איז מלוכת-ישראל און ארם אריינגעטראָטען מיט זייערע חילות אין יהודה. דערווייל איז תגלת פלאסר, דער נייער מלך פון אשור, צוגעטראָטען צו די מלוכות פון די מורדים.

פערלאָזען האָבען שוין די חילות פון מלוכת-ישראל און ארם דאָס לאַנד יהודה, ווען זיי זיינען געוואָר געוואָרען, אַז די גרויסע חיות פון אַשור מאַכען אַ חורבן פון זייערע מדינות. זיי האָבען זיך אַ וואָרף געטאָן מיט'ן חיל אויפ'ן שונא, אָבער עס איז שוין געווען צו-שפעט. די אשורים זענען שוין אריינגעדרונגען טיף אין לאַנד פון אַרם, איינגענומען די הויפטשטאָדט דמשק, און פערטריבען די איינוואוינער. דעם מלך האָט מען גענומען אין געפאַנגענשאַפט און אים געטויט. דעמאָלט איז אַרם פעראייניגט געוואָרען צו אַשור—און שפעטער האָט עס געהייסען סיריע (פערקירצט פון אַשור). דערנאָך זענען די חילות פון אשור אריין אין מלוכת-ישראל און פערנומען שטיקער לאַנד אין מזרח און צפון, און די יודען פערטריבען קיין אשור. פקח האָט געוועלטיגט איבער אַ קליינעם טייל פון דער פריהערדיגער גרויסער מלוכה מיט דער הויפטשטאָדט שומרון, און אויך אָט דער טייל האָט געדארפט צאָהלען מס אַשור.

נאַטירליך, זענען ביי אַזאַ צושטאַנד שטאַרק געוואַקסען די מהומות און מרידות אין מלוכת-ישראל, וואָס האָט זעהר שלעכט געווירקט אויפ'ן לעבען

פון פאָלק, דאָס פאָלק איז געוואָרען פערדאָרבען און אריינגעפאלען אין א גרויסען יאוש, און אומעטום האָט געוועלטיגט גזילה און רציחה. די דעמאָלטיגע נביאים (הושע, יואל) האָבען נישט אויפגעהערט צו וועקען די גוטע מדות אין פאָלק, אָבער עס האָט נישט געהאָלפען. מען האָט זיי אויסגעלאכט און זיך אָבגעקעהרט פון זיי. די מרידות נעגען פקח'ן זענען געוואקסען און געוואקסען און, צולעצט, זיך פערוואנדעלט אין א גרויסער מרידה, וואָס איהר אָנפירער איז געווען הושע בן אלה. דער לעצטער יודישער מלך, פקח, איז געטויט געוואָרען. דעמאָלט האָט הושע פערכאפט דעם מלוכה-שטול (729 יאָר פאַר אונזער ערא).

הושע איז געווען אַן'ענערגישער מענש. ווען מצרים האָט אַרויסגערופען א מרידה צווישען די אַלע קליינע פעלקער געגען אַשור און האָט זיי צוגעזאָגט הילף, האָט די מלוכת-ישראל אויך אויפגעהערט צו צאָהלען מס שלמנאסר'ן דעם נייעם מלך פון אַשור. נאָך דעם פערשטאָרבענעם מלך תגלת פלאסר האָט זיך שלמנאסר געלאָזט מיט זיינע רייטהערען און גרויסע חילות אין די נחלאות פון מלוכת-ישראל. די אַלע שטעדט, וואָס ער האָט איינגענומען אין מלוכה-ישראל, האָט ער חרוב געמאַכט און דעם מלך הושע גענומען אין געפאַנגענשאַפט.

ער האָט זיך גערוקט נעהנטער צו דער הויפטשטאָדט, אָבער די העלדישע איינוואוינער פון שומרון האָבען אויסגעצייכענט געוואוסט דעם סוף פון די איינגענומענע שטעדט, וואו די איינוואוינער זענען אינגאַנצען אויסגעשאָכטען געוואָרען, אָדער פערקויפט געוואָרען פאַר קנעכט, האָבען זיי זיך בעפעסטיגט אין שומרון און געשטעלט זיי א שטאַרקען ווידערשטאנד. דער געדאַנק, אז מצרים וועט זיי קומען צו הילף, האָט זיי צוגעגעבען מוט און גאַנצע דריי יאָהר האָבען די שומרונים מיט אויסערגעוועהנליכער העלדישקייט איינגעהאַלטען די שטאָדט געגען איהר מעכטיגען שונא.

דער שונא איז דאָך נישט אָבגעטראָטען אפילו דעמאָלט, ווען דער מלך שלמנאסר איז געטויט געוואָרען. סרגון, דער נייער מלך, האָט די בעלאַגערונג נישט אַראָבגענומען, מצרים איז צו הילף נישט געקומען, דער הונגער האָט לחלוטין אויסגעמאַטערט די העלדישע קעמפער און שומרון איז געפאַלען (720).

סרגון, וואָס האָט בעשלאָסען צו מאַכען אַ תל פון דער איינגענומענער מלוכה, וועלכע האָט זיך אַלץ געבונטעוועט, האָט זיך בענוצט מיט'ן גוט-אויסגעפרובטען מיטעל: אַלע איינוואוינער פון יונג ביז אַלט, ביי אַ 30 טויזענד נפשות, האָט ער פערטריבען ווייט פון לאַנד, און אויף זייער אָרט האָט ער בעזעצט מענשען פון פרעמדע לענדער מיט פרעמדע שפראַכען.

די פערטריבענע יודען פון מלוכת-ישראל האָבען זיך לאַנגזאַם אויסגעמישט מיט די שטענדיגע איינוואוינער פון יענע לענדער, וואו זיי זענען פערטריבען געוואָרען.

די ניי־בעזעצטע בעפעלקערונג אין שומרון־מלוכה, וואס איז בעשטאנען פון געצענדינער, האט מיט דער צייט איבערגענומען א סך יודישע מנהגים און זיטען פון׳ם ביסעל יודען, וואס זענען פערבליבען אין לאנד אלס ערדארבייטער און בעלי־מלאכות. פון זיי האט זיך מיט דער צייט געבילדעט א האלב־געצענדינעריש און א האלב־יודיש פאלק, וואס איז שפעטער בעוואוסט געווארען אונטער׳ן נאמען שומרונים.

צוויי־הונדערט מיט פופציג יאהר האט עקזיסטירט די אבגעטיילטע מלוכת־ישראל און טרויעריג איז געווען דער סוף פון דערדאזיגער מלוכה: פון איהר איז קיין זכר נישט געבליבען און פון די צעהן שבטים ווערט שוין שפעטער אין דער יודישער געשיכטע מעהר נישט דערמאנט.

פראגען: צי האט מלוכת־יהודה זיך פעראייניגט מיט מלוכת־ישראל?
צי האט מצרים געגעבען די צוגעזאגטע הילף?
ווער איז געווען הושע?
ווי האט געהייסען דער אשור־מלך, וואס האט חרוב געמאכט די מלוכה־ישראל?



כראָנלאָגיע

(נאָך דר. צונץ)

פאַר דער היינטיגער צייטרעכנונג.

אָדָם		4000
נֹחַ		2350
אַבְרָהָם		2000
מֹשֶׁה		1500
יְהוֹשֻׁעַ		1450
שופטים־צייט		1100 - 1400
שמואל		1120
שָׁאוּל		1060–1080
דָוִד	נָתָן הַנָבִיא	1020–1060
שלמה	אֲחִיָהוּ הַנָבִיא	978–1020
חֲנוּכַּת הַבַּיִת		909
די צוטיילונג פון דער מלוכה		978
די עקזיסטענץ פון מלוכת ישראל		720–978

מְלָכִים — נְבִיאִים

יָרָבְעָם	I-טער	אֲחִיָּה	956—978
נָדָב			955—956
בַּעְשָׁה			932—955
אֵלָה			931—932
זִמְרִי	(7 טעג)		
עָמְרִי			919—931
אחאָב		אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא	897—919
אֲחַזְיָהוּ			895—897
יוֹרָם			883—895
יֵהוּא			855—883
יהוֹאָש		אֱלִישָׁע	838—855
יוֹאָש			822—838
יָרָבְעָם	II-טער	עָמוֹס. יוֹנָה	761—822
זְכַרְיָה	(6 חדשים)		
שַׁלּוּם	(1 חדש)		
מְנַחֵם		הוֹשֵׁעַ	751—761
פְּקַחְיָה			749—751
פֶּקַח			729—749
הוֹשֵׁעַ בֶּן אֵלָה			720—729

אינהאלט.

№		זייט
1	די צייט פון די שופטים	3
2	די ערשטע שופטים	5
3	דבורה הנביאה	5
4	גדעון	7
5	אבימלך	9
6	יפתח	11
7	שמשון הגבור	13
8	די יודען אין די צייטען פון די שופטים	16
9	רות	I9
10	עלי הכהן	20
11	שמואל	21
12	אלקנה און חנה	23
13	דאָס פאָדערן א מלך	24
14	די טענות צו שמואלן וועגען א מלך	25
15	שאול	27
16	שאול'ס ערשטער נצחון	28
17	שאולס מלוכה	30
18	שאולס מלחמה מיט די עמלקים	32
19	שאול און דוד	34
20	דוד דער טרייער פאַסטוך (לעגענדע	36
21	שאולס שנאה צו דודן	36
22	שאולס לעצטע מלחמה	38
23	דודס מלוכה	40
24	דאָס בעפרייען זיך פון די פלשתים	42
25	דער קייזערליכער הויף	43
26	אבשלום'ס אויפשטאנד	45
27	דוד אלס משורר	46
28	דוד'ס לעצטע יאָהרען	47
29	פיניציע	48
30	די פיניצישע אמונה	51
31	שלמה המלך	52
32	דאָס בויען דעם בית-המקדש	57
33	[illegible]'ס חכמה (לעגענדע)	56
34	[illegible]'ס פאלאץ	58
35	[illegible] דאָס פאָלק איז נישט צופרידען	60
[illegible]	[illegible] דער דיכטער	61
	[illegible] [illegible] פון דער מלוכה [illegible] מלוכת-ישראל אין דער צייט פון ערשטען מלך ירבעם]	63
38	רחבעמ'ס הערשאפט און זיין יורש	67
39	אָסאָ	68
40	די מלוכה פון די צעהן שבטים נאָך ירבעמ'ן]	69
41	עמרי	70
42	די שומרון מלוכה אין אחאב'ס צייטען]	72
43	אליהו הנביא	73
44	אליהו און די פאַלשע נביאים	74
45	אליהו אויפ'ן באַרג חורב (סיני)	76
46	די לעצטע יאָהרען פון אחאב'ס מלוכה	78
47	יהושפט	79
48	אליהו'ס לעצטע יאָהרען	81
49	די איבערקערעניש אי מלוכת-ישראל	83
50	יהוא און די פערניכטונג פון אחאב'ס דינאַסטיע]	84
51	עתליה'ס הערשאפט אין יהודה	85
52	יהא'ס הערשאַפט און זיין יורש יהואחז	87
53	אלישע	88
54	אשור	89
55	דער מלך, קולטור און אמונה פון די סיריער]	90
56	יהואש אָדער יואָש	92
57	ירבעם דער צווייטער	93
58	די נייע נביאים	94
59	עמוס	95
60	אנדערע נביאים	96
61	דאָסווירטשאפטליכע לעבען	98
62	דאָס פאַמיליע לעבען	101
63	די געזעלשאפט און די מלוכה	102
64	די יודישע ימים-טובים און אמונה-צערעמאָניעס]	104
65	די שריפטען	106
66	אומרוהיגע צייטען אין מלוכת]ישראל	108
67	דער סוף פון דער מלוכת-ישראל	109
68	כראָנאָלאָגיע.	